20

BAJS JAKOW (miesięcznik) פרייז 50 גראָשען

## פאמיליעז זשורנאל

# בית יעקב

ארגאַן פון דער צענטראַלע „בנות אגודת ישראל" אין פוילען.

## מאנאטשריפט

רעדאַקטאָר: א. ג. פרידענזאָן.

אינהאַלט:

1) נאָך דריי יאָהר *.* 2) וואָס וויל „בנות אגודת ישראל", דאָס פראָגראַם, גרונד-פרינציפען. 3) אַ בלומען-גאָרטען אָהן אַ גערטנער... – א. מ. ראָגאָװי. 4) דעם קינד'ס ווענען – ראַבינ-דראַנאַט טאַגאָרע. 5) אלול-שטימונג (אַ תפלה) – ז. ל. 6) אַ יאָהר לעבען – לייב פיינגאָלד. 7) פאַר די ימים הנוראים – ט. יאַקו-באָוויטש. 8) די געשיכטע פון כל-נדרי – ז. זינגמאַן. 9) שרה בת טובים – מ. א. קמיאַטעק. 10) אונזערע ווייטערע אויפגאַבען – שרה שענירער. 11) נאָטיצען: דער צווייטער פאָרטבילדונגס-קורס אין יאָרדאַנאָװ. נאָך די חמשה-עשר-באב פייערונגען. 12) גראַנדיעזע מאַניפעסטאַציעס פון יודישע טעכטער פאַר'ן רעליגיע-זען געדאַנק. 13) פונ'ם „בית יעקב" שול-וועזען אין פוילען. 14) פון דער בנות אגודת ישראל צענטראַלע. 15) עזרא-בונדעס-טאג אין דייטשלאַנד. 16) פרעסע-קראַנץ.

Łódź, Sierpień 1926. № 4. ב"ה, לאָדז, אלול תרפ"ו.

אָרטאָדאָקסישער פאַמיליען־זשורנאַל

# בית־יעקב

אָרגאַן פון דער צענטראַלע „בנות אגודת ישראל" אין פּוילען.

ב"ה, לאָדז, אלול תרפ"ו | № 4. | פיערטער נומער (דריטער יאָהרגאַנג)

## וואס וויל „בנות אגודת ישראל"? *)

### דאָס פּראָגראַם:

פליכט־ערפילונג פון דער יודישער פרוי אין דער לעזונג פון די יודישע פּראָבלעמען אינ'ם גייסט פון דער תורה און טראַדיציע.

### גרונד־פּרינציפּען:

1) אנערקענען די אמונה אינ'ם איינציגען ג—ט אלס דעם קוואַל פון לעבען און שטאַרקען דאָס בעוואוסטזיין און זיין פיהרענדער האנד (השגחה פרטית).

2) אנערקענען די גדולי התורה והיראה אלס די העכסטע טאָן־געבער אינ'ם יודישען פאָלקס־לעבען, ערפילען און פערווירקליכען אין אַלע ווינקעלעך פון לעבען די חקי היהדות.

3) ערפילען מיט דער גאַנצער זעלבסטאויפאָפּפערונג דעם חוב אויפצולעבען דעם גייסט פון דער יודישער תורה אינ'ם יודישען הויז, אַריינברענגען דאָס רעליגיעזע ליכט אין די הערצער, און איינלעבען זיך אין די יודישע שטרעבונגען און האָפנונגען.

4) פערטיפען אין זיך די יודישע אידעאַלען פון אונזערע נביאים און חכמים דורך ערוועקען אין א וואָס גרעסערע מאָס יודיש וויסען.

5) מיט ליבשאַפט זיך אָפּגעבען לטובת דער אויפלעבונג פון יודישען פאָלק אין זיין אַלטער היים — ארץ־ישראל לויט'ן גייסט פון אונזער הייליגער תורה.

6) אָפּהיטען דעם אָריגינעלען יודישען נאָמען, די צניעות אין דער קליידונג, די פאָלקסטימליכקייט פון דער יודישער שפּראַך און די הייליגקייט פון לשון הקודש (העברעאיש).

7) דערוויטערען זיך פון נישט־יודישען לעבענס־שטייגער, קעמפענדיג קאָנסעקווענט און ענטשידען געגען דעם פסדר זיך ענדערענדען פריי־גייסט פון דער צייט.

*) אויסגעאַרבייט און רעדאַגירט דורך א קאָלעגיום ביים צענטראַלען סעקרעטאַריאַט פון ב. א. י. ; בעזונדערע אָפּהאַנדלונגען מכח אַט די גרונד־פּרינציפּען — אין די ווייטערדיגע נומערן — רעד.

## נאָך דריי יאָהר

תשרי תרפ"ד — — — אלול — פ"ו.

מיט'ן היינטיגען נומער שליסט זיך דער דריטער יאָהרגאַנג פון אונזער זשורנאַל „בית יעקב". עס איז איבעריג צו בעטאָנען, מיט וואָסערע מסירות נפש עס איז דער רעדאַקציע אויסגעקומען ביי היינטיגע שווערע צייטען צו אַרבייטען און ביי אונזער גאַנצער, מען קען זאָגען איבערמענשליכער אָנשטרענגונג, איז אונז דאָך נישט געלונגען אַרויסצוגעבען דעם „בית יעקב" רעגולער חודש־וויַיז. ווערענדיג אָבער מיט אַלע כחות דערהאַלטען די טריבונע פון דער אָרטאָדאָקסישע פרויען־בעוועגונג, האָבען מיר, נישט קוקענדיג אויף אַלע מניעות דערהאַלטען די עקזיסטענץ פון „בית יעקב", נישט אָפּשטעלענדיג זיך אַפילו פון פערקלענערען דעם פאָרמאַט, וועלכעס מיר האָבען נאַטירליך גערן מיט א צו־ראָכען האָרץ.

א דאַנק דאָס פונאַנדערוואַקסען פון דער „בנות"־בעוועגונג און די אויפאָפּפערונגס־פולע טעטיגקייט פון א ביל „בית־יעקב"־קאָמיטעטען, טרעטען מיר צו, לכבוד דעם 4־טען יאָהרגאַנג אַרויסצוגעבען אונזער זשורנאַל צוריק אין א פערגרעסערטען פאָרמאַט, מיט דער פוילישער ביילאַגע „ווסכוד" האָבענדיג דעם פולסטען פערטרויען אויף די „בנות אגודת ישראל" און בית יעקב קאָמיטעטען, אַז זיי וועלען פערשטעהן זייער פליכט לגבי זייער אָרגאַן, צושטעלענדיג צו יעדען נומער די סומע פון 8 זל. — דער פרייז פון 20 עקזעמפּלאַרען.

דער „בית יעקב", וועלכער ווערענדיג פערגרעסערט אין פאָרמאַט, וועט נאַטירליך אויך בערייכערען זיין אינהאַלט און צו דעם צוועק איז איינגעלאַדען געוואָרען אלס שטענדיגער רעדאַקציע־מיטאַרבייטער דער בעקאַנטער ליטעראַט ראַטמאַן א. מ. ראָנאָווי און מיר ווילען האָפען אַז עס וועט אונז געלונגען דעם זשורנאַל אַוועקצושטעלען אויף זיין געהעריגער הויך.

נעמענדיג אויף זיך א לאַסט פון נייע בעדייטענדע אויסגאַבען, רופען מיר אַלע אגודות, שול־קאָמיטעטען, עסקנים און עסקנות צו פערגרעסערען אונזערע הכנסות דורך בעשטעלען זיך מיט שפענדען פאַר אונזער „פרעסע־קראַנץ", אַרויסרופענדיג גלייכצייטיג פריינד און בעקאַנטע אויך צו שפענדען.

דער „בית־יעקב"־זשורנאַל, וועלכער האָט שוין א דורך געמאַכט פערשידענע תקופות און האָט ביים היינטיגען טאָג נ ך א דעפיציט פון איניגע טויזענד זל. האָט זיך זיכער פערדינט, אַז נאָך זיין ענדיגען דעם דריטען יאָהרגאַנג זאָל די אָרטאָדאָקסישע געזעלשאַפט און די סימפּאַטיקער פון אונזערע אידעאַלען געבען לטובת איהם א געוויכטיגע שטיצע. דער יסוד פון דער עקזיסטענץ פון יעדער פרעסע אין דער איצטיגער שעה, האָבענדיג אזא הכנסה, וועט עס אונז געבען די מעגליכקייט ווייטער זיך צו בעמיהען צו פערשענערען און פערפאָלקאָמען אונזער זשורנאַל, וועלכער איז און וועט זיין א געטריי'ער וועג־ווייזער אין דער זיך שאַפענדער בעוועגונג פון די „בנות" און „בית־יעקב"־שולען.

* * *

אָרטאָדאָקסישער פאַמיליען-זשורנאַל

# בית - יעקב

אָרגאַן פון דער צענטראַלע „בנות אגודת ישראל" אין פוילען.

ב"ה, לאָדז, אלול תרפ"ו | № 4. | פיערטער נומער (דריטער יאַהרגאַנג)

## וואס וויל „בנות אגודת ישראל"? *)

### דאָס פראָגראַם:

פליכט-ערפילונג פון דער יודישער פרוי אין דער לעזונג פון די יודישע פראָבלעמען אינ'ם גייסט פון דער תורה און טראַדיציע.

### גרונד-פרינציפּן:

1) אַנערקענען די אמונה אינ'ם איינציגען ג—ט אַלס דעם קוואַל פון לעבען און שטאַרקען דאָס בעוואוסטזיין און זיין פיהרענדער האַנד (השגחה פרטית).

2) אַנערקענען די גדולי התורה והיראה אַלס די העכסטע טאָן-געבער אינ'ם יודישען פאָלקס-לעבען, ערפילען און פערווירקליכען אין אַלע ווינקעלעך פון לעבען די חקי היהדות.

3) ערפילען מיט דער גאַנצער זעלבסטאויפאָפּפערונג דעם חוב אויפצולעבען דעם גייסט פון דער יודישער תורה אינ'ם יודישען הויז, אַריינבריינגען דאָס רעליגיעזע ליכט אין די הערצער, און איינלעבען זיך אין די יודישע שטרעבונגען און האָפנונגען.

4) פערטיפען אין זיך די יודישע אידעאַלען פון אונזערע נביאים און חכמים דורך ערווערבען אין אַ וואָס גרעסערע מאָס יודיש וויסען.

5) מיט ליבשאַפט זיך אָפּפערען לטובת דער אויפלעבונג פון יודישען פאָלק און זיין אַלטער היים — ארץ-ישראל לויט'ן גייסט פון אונזער היילינער תורה.

6) אָפּהיטען דעם אָריגינעלען יודישען נאָמען, די צניעות אין דער קליידונג, די פאָלקסטימליכקייט פון דער יודישער שפּראַך און די הייליגקייט פון לשון הקודש (העברעאיש).

7) דערווייטערען זיך פון נישט-יודישען לעבענס-שטייגער, קעמפענדיג קאָנסעקווענט און ענטשידען געגען דעם כסדר זיך ענדערענדען פריי-גייסט פון דער צייט.

*) אויסגעאַרבייט און רעדאַגירט דורך אַ קאָלעגיום ביים צענטראַלען סעקרעטאַריאַט פון ב. א. י.; בעזונדערע אָפּהאַנדלונגען מכח אַט די גרונד-פרינציפּען — אין די ווייטערדיגע נומערן — רעד.

## נאך דריי יאהר

תשרי תרפ"ד — — — — אלול — פ"ו.

מיט'ן היינטיגען נומער שליסט זיך דער דריטער יאָהרגאַנג פון אונזער זשורנאַל „בית יעקב". עס איז איבריג צו בעטאָנען, מיט וואָסערע מסירות נפש עס איז דער רעדאַקציע אויסגעקומען ביי היינטיגע שווערע צייטען צו אַרבייטען און ביי אונזער גאַנצער, מען קען זאָגען איבערטענשליכער אָנשטרענגונג, איז אונז דאָך נישט געלונגען אַרויסצוגעבען דעם „בית יעקב" רעגולער חודש-וויַיז. וועלענדיג אָבער מיט אַלע כחות דערהאַלטען די טריבונע פון דער אָרטאָדאָקסישער פרויען-בעוועגונג, האָבען מיר, נישט קוקענדיג אויף אַלע מניעות דערהאַלטען די עקזיסטענץ פון „בית יעקב", נישט אָפּשטעלענדיג זיך אַפילו פון פערקלענערען דעם פאָרמאַט, וועלכעס מיר האָבען נאַטירליך געטון מיט אַ צו-ראָכען האַרץ.

אַ דאַנק דאָס פונאַנדערוואַקסען פון דער „בנות"-בעוועגונג און די אויפאָפּפערונגס-פולע טעטיגקייט פון אַ ביַיל „בית-יעקב"-קאָמיטעטען, טרעטען מיר צו, לכבוד דעם 4-טען יאָהרגאַנג אַרויסצוגעבען אונזער זשורנאַל צוריק אין אַ פערגרעסערטען פאָרמאַט, מיט דער פוילישער בייַלאַגע „ווסכוד" האָבענדיג דעם פולסטען פערטרויען אויף די „בנות אגודת ישראל" און בית יעקב קאָמיטעטען, אַז זיי וועלען פערשטעהן זייער פליכט לגבי זייער אָרגאַן, צושטעלענדיג צו יעדען נומער די סומע פון 8 זל. — דער פרייז פון 20 עקזעמפלאַרען.

דער „בית יעקב", וועלכער ווערענדיג פערגרעסערט אין פאָרמאַט, וועט גלייכצייטיג אויך בערייכערען זיין אינהאַלט און צו דעם צוועק איז איינגעלאַדען געוואָרען אַלס שטענדיגער רעדאַקציע-מיטאַרבייטער דער בעקאַנטער ליטעראַט ראַטמאַן א. מ. ראָגאָזשי און מיר ווילען האָפען אַז עס וועט אונז געלונגען דעם זשורנאַל אַוועקצושטעלען אויף זיין געהעריגער הויך.

נעמענדיג אויף זיך אַ לאַסט פון נייע בעדייטענדע אויסגאַבען, רופען מיר אַלע אגודות, שול-קאָמיטעטען, עסקנים און עסקנות צו פערגרעסערען אונזערע הכנסות דורך בעשטערען זיך מיט שפענדען פאַר אונזער „פּרעסע-קראַנץ", אַרויסרופענדיג גלייכצייטיג פריינד און בעקאַנטע אויף צו שפענדען.

דער „בית-יעקב"-זשורנאַל, וועלכער האָט שוין אַ דורך געמאַכט פערשידענע תקופות און האָט ביים היינטיגען טאָג נאָך אַ דעפיציט פון איינינע טויזענד זל. האָט זיך זיכער פערדינט, אַז נאָך זיין ענדיגען דעם דריטען יאָהרגאַנג זאָל די אָרטאָדאָקסישע געזעלשאַפט און די סימפּאַטיקער פון אונזערע אידעאַלען געבען לטובת איהם אַ געוויסע שטיצע דער יסוד פון דער עקזיסטענץ פון יעדער פרעסע אין דער איצטיגער שעה. האָבענדיג אַזאַ הכנסה, וועט עס אונז געבען די מעגליכקייט ווייטער זיך צו בעמיהען צו פערשענערען און פערפאָלקאָמען אונזער זשורנאַל, וועלכער איז און וועט זיין אַ געטרייער וועג-ווייזער אין דער זיך שאַפענדער בעוועגונג פון די „בנות" און „בית-יעקב"-שולען.

***

# אַ בלומען-גאַרטען אָהן אַ גערטנער...

פון א. מ. ראַגאָווי

ווען אונזער אור-פאַטער, אברהם, האָט זיין ערשטען פאָרשענדען בליק געגעבען אויף דעם גרויסען וועלט-פּאַלאַץ מיט זיין אָרדנונגסמעסיגער פיהרונג – האָט אין זיין מח אויפגעבליצט אַ פראַגע: איז מעגליך אַ פּאַלאַץ אָהן אַ בעל-הבית?

אָט די איינפאַכע לאָגישע שאלה איז פאַר דעם ערשטען ג–טליכען פילאזאָף געווען דער שליסעל צו זיין וועלט-אַנשויאונג, דער פונדאַמענט פון אַ פילאָזאָפישער בעגרינדונג, דאָס קערענדיל פון אַ גרויסער פלאַנצונג, פון וועלכער עס איז אויסגעוואַקסען דער ריזיגער גייסטרייכער כרם-ישראל.

די פשוטע לאָגיק דיקטירט, אַז אַ פּאַלאַץ מוז זיין בעל-הבית האָבען און בכלל אַלץ וואָס שטעט זיך און בויט זיך מוז דערויף אַן אויבערהאַר זיין.

---

אַ בלומען-גאַרטען אין דער יודישער דאַרנקייט איז אויסגעוואַקסען. נאָך דורות גייסטיגער פערקריפּעלטקייט אין יודישען פרויען-לעבען, ווען אַ טייל פרויען האָבען אויפגעהערט ווייטער צו שפּינען דעם גאָלד-יודישען פאָדים, ווען דער מאַטער שיין פון פרעמדע קולטורען האָט דער פרוי פערפרעמדעט פון איהר גרויסער אויפגאַבע אין דער יודישער געשיכטע – איז אַ פּרעכטיגער דופּטענדער בלומען-גאַרטען אויסגעוואַקסען – די בנות אגודת ישראל-פעראיינען און די בית יעקב שולען.

מיט שטוינונג קוקען מיר אויף אָט די שעהנע בלומע, וועלכע זענען דאַ און דאָרט אויסגעוואַקסען און זייערע שמעקעדיגע ריחות פערכאַפּען דעם אָטעם. אין דער קורצעסטער צייט איז דאָס גרויסע וואונדער געשעהען און מיר זעהען העכסט גליקליך מיט אַט דער ערשיינונג, אָבער מיר מוזען דאָך זיך שטעלען די פראַגע: איז מעגליך אַ גאַרטען אָהן אַ גערטנער? איז מעגליך אַז אַזאַ שעהנע האַרציגע בעוועגונג זאָל זיך ווילד פונאַנדערוואַקסען אָהן אַ שום אויפזיכט און מיטהילף?

די פשוטע לאָגיק דיקטירט, אַז אַ וואָרטען מוז אַ גערטנער האָבען און די אָרטאָדאָקסיע מוז זיך ערנסט פערטראַכטען וועגען גורל פון אָט די בעוועגונג.

---

די אָרטאָדאָקסישע פרויען-בעוועגונג איז נאָך זעהר יונג און צאַרט. צומאָל פעהלט איהר נאָך בולט'ע פאָרמען. זי איז נאָך ווי אַ טייג, וועלכעס מען דאַרף קנעטענדיג פאָרמירען. עס פאָדערט זיך אַז די לידער און פיהרער פון



דער אגודה, וועלכע פערשטעהן דעם מהות פון יודישקייט און די ראָל, וואָס די פרוי מוז שפּילען אין איהר, זאָלען נישט בלויז צופרידען זיין פון דעם וואָס ווערט געשאַפען, נישט בלויז יוצא זיין מיט אַ גוטמוטיגען צושאָקעל מיט'ן קאָפּ, נאָר אַקטיוו, מיט דער גאַנצער בעוואוסטזיניגקייט פון דער היסטאָרישער פעראַנטוואָרטליכקייט זיך בעטייליגען אין דער אויפשטעלונג און אויספאָרמונג פון אַט דער בעוועגונג.

מען קאָן דאָס נישט פערגלייכען מיט דער אַלגעמיינער אגודה-בעוועגונג בעת איהר ענטשטעהונג. אמת טאַקי, אַז מיר זענען דעמאָלט געווען אָרים, זעהר אָרים אין קרעפטען און אויב מיר פערמאָגען עפּעס היינט אין דער הינזיכט איז עס פון זיך אַליין געשאַפען געוואָרען. ראשית אָבער האָט דער אגודה געפעהלט בלויז אָרגאַניזאַציאָנעלער פאָרם, דאַגעגען אין אינהאַלט זענען פאַר אונז אַלע קלאָר געווען וואָס עס בעדייט די אגודה-בעוועגונג. דען נישט קיין נייע אינהאַלטען אין יודישקייט זענען מיר געגאַנגען שאַפען און ביי דעם גאַנצען דילעטאַנטיזם פון דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאָרם זענען אונזערע עסקנים געווען אָנגעזאַפּט, אי מיט יהדות, אי מיט חסידישען ברען, וועלכעס האָבען ממילא געגעבען שטאָף צו דער אַרבייט – אַ זאַך וואָס לגבי דער אַרטאָד. פרויען בעוועגונג לאָזט זיך דאָס נישט זאָגען. צווייטענס זענען פאַר אונז די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען, סיי אין וואָרט סיי אין שריפט געווען אַ נייע בעשעפעניש און ביי די גאַנצע אומפּונקטליכקייטען, זאָגאר לעכערליכקייטען, וועלכע זענען אין דער ערשטער אָרגאַניזירונגס-פאַזע געווען אונפערמיידליך, האָט עס ביי אונז אויסגעזעהען שעהן און גוט און ממילא אימפּאָנירט און בעגייסטערט. אַנדערש איז יעצט ביי די פרוי. די יודישע פרוי, וועמענס איבערוויעגענדער רוב איז ערצויגען געוואָרען ביי פרעמדע ליטעראַטורען און פרעמדע סביבות, בעזיצט אַ ראַפינירטען חוש צו עסטעטישע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען. אויך האָבענדיג פאַר זיך אין דער אגודה אַ מוסטער פון אָרגאַניזאַציאָנעלער רייפקייט פיהלט די פרויען-בעוועגונג זיך אומבעהאָלפען אנצוהייבען אַלץ אויפסניי ביי דער אלף, מיט בלויזע אייגענע נישט-ערפאַהרענע כחות, בפרט ווען עס פיהלט זיך אַ מאַנגעל אין יודיש ווי'כען.

די אַגודיסטען פון יעדען אָרט מוזען זיך דערויף ערנסט פערטראַכטען, זיי מוזען זיך קלאָר מאַכען, אַז עס גענוגט זיך נישט פאַר זיי די בלויזע „וואָהלוואָלענדע נייטראַליטעט”. נאָר אַקטיוו מיט ראָט און טאַט און דערעיקר'שט מיט געלד אונטערצושטיצען די בעוועגונג, בפרט דעם צענטראַלען סעקרעטאַריאַט אין לאָדז, וועלכער, אַרבייט אונערמידליך ממש מיט מסירות נפש אַריינצוגיסען לעבען און ענערגיע אין דער זיך שאַפענדער בנות בעוועגונג אויף דער פּראָווינץ. די צענטראַלע וואָלט געווען אומשטאַנד אויפבליהען די בעוועגונג אין די פערוואָרפענסטע יודישע קבוצים, ווען זי האָט נישט צו-

קעמפען מיט מאַטעריעלע שוועריגקייטען. מען טאָר נישט וואַרטען אויף קיין נסים און זאָגען: „אַט, זיי וועלען זיך שוין אַנ׳עצה געבען”; מיר מאַנספער-שוינען זענען נישט ווייניג שולדיג אין גייסטיגען חורבן פון דער יודישער פרוי, מוזען מיר זיך מיט אונזערע מעשים לטובת דער בעוועגונג גערעכט מאַכען פאַר דער געשיכטע.

דער בלומען - גאָרטען שטעהט אין געפאַהר צו פערלירען זיינע שענע פאַרבען און דופטענדע ריחות, אויב דער גערטנער וועט נישט בעצייטענ- אויף איהם וואַכען מיט זאָרגפעלטיגער פלעגע און איבערגעגעבענע ליבשאַפט...

פון דער „בנות אגודת ישראל” צענטראַלע

דער צענטראַלער סעקרעטאַריאַט מאַכט פאָרבּרייטונגען אויף דורכצופיהרען איה״ש חוה״מ סוכות אַ „ווערבּירונגס און פראַפּאַגאַנדע וואָך לטובת דעם געדאַנק פון „בנות אגודת ישראל” — אַלע מאַטעריאַלען אויף דעם צוועק וועלען אין די נאָהענטסטע טעג פונאַנדערגעשיקט ווערען צו די פיליאַלען; דער קומענדער נומער „בית יעקב” וועט הויפּטזעכליך זיין געווידמעט דער „בנות” וואָך.

— דער צ. ס. מאַכט אויפמערקזאַם אַז די אַלע וואָס וועלען נישט האָבען ביז 15 טאָג אין אלול ערלעדיגט דעם בעטראַג פאַר׳ן קוואַרטאַל אָבצאָהל וועט מען זיין געצווינגען מיט זיי יעדער ווייטערע בעציהונג איבערצורייסען.

פון די אַלע שטעדט וואו ס׳ווילען זיך גרינדען נייע אָרטס-גרופּען, מוז איינגעשיקט ווערען אַ זלאָטע אויף צו בעקומען די געהעריגע אינסטרוקציעס.

— אָרטאָדאָקסישע פריילינס וואָס פיהלען זיך בעגאַבט מיט אַ רעדנער טאַלענט און ווילען זיך ווידמען דער פראָפּאַגאַנדע פאַר „בנות אגודת ישראל” פאַר אָדער אָהן האָנאָראַר ווערען געבעטען אויפצוגעבען זייערע אַדרעסען.

דער צ. ס. בעט נישט משנה צו זיין די דאָ אויפגעגעבענע אַדרעסען.

פאַר בריף:

Sekretarjat B. A. I. Łódź, skrz. poczt. 146.

פאַר געלד:

„Bajs Jakow" dla Sekretarjatu Łódź, Aleksandrowska 28.

עזרא-בונדעס-טאָג אין דייטשלאַנד

י״ט-כ״א אב איז אין „הויזבורג” (ביי האַלבערשטאַדט) פאָרגעקומען דער יעהרליכער בונדעס-טאָג פון דער עזרא אָרגאַניזאַציע אין דייטשלאַנד. די צענטראַלע פון „בנות אגודת ישראל” אין פוילען האָט בעפולמעכטיגט דעם בעקאַנטען אָרטאָדאָקסישען עסקן און שריפטשטעלער ה׳ הערמאַן שוואַב צו בעגריסען די „טאַגונג” און רעפערירען די הילף און שטיצע אין וועלכער ס׳נויטיגט זיך די „בנות אגודת ישראל” אין פוילען. ס׳האָבען אויך אויף דער קאָנפערענץ געהאַלטען רעדעס ד״ר אלי׳ מונק — בערלין און פרל. יהודית ראָזענבּוים — פראַנקפורט לטובת דער בנות אגודת ישראל בעוועגונג — אַ אויספיהרליכער בעריכט אין קומענדיגען נומער.



ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע

# דעם קינד׳ס וועזעז

ווען דאָס קינדעלע וויל נאָר קען עס אין אָט דעם אויגענבליק צום הימעל אַרויפפליהען.

עס איז נישט אומזיסט וואָס עס וויל אונז נישט פערלאָזען.

עס ליבט מיט זיין קעפּעלע ביי דער מוטער׳ס ברוסט צו רוהען, און קאָן קיינמאָל נישט פערטראָגען זי אויס די אויגען צו פערלירען.

דאָס קינדעלע פערשטעהט אַלערליי קלוגע ווערטער, הגם ווייניגע אויף דער ערד קאָנען זייער מיין פערשטעהן.

עס איז נישט אומזיסט, וואָס עס פערלאַנגט קיינמאָל נישט צו שמועסען.

דאָס איינציגע וואָס ער פערלאַנגט איז די מוטער׳ס ווערטער פון די מוטער׳ס ליפּען צו לערנען, דעריבער קוקט עס אַזוי אומשולדיג אַריין.

דאָס קינדעלע האָט אַ מענגע גאָלד און פערל, און דאָך קומט עס ווי אַ בעטלער אויף אָט דער וועלט.

עס איז נישט אומזיסט, וואָס עס קומט אין אַזאַ פערקליידונג.

אָט דער ליבער, קליינער, נאַקעטער בעטלער זעהט אויס צו זיין הילפלאָז, כדי ער זאָל די מוטער׳ס רייכע ליבע בעטלען קאָנען.

דאָס קינדעלע איז געווען אַזוי פריי פון יעדען בינד אין׳ם לאַנד פון דער קליינער צונעהמענדער לבנה.

עס איז נישט געווען אומזיסט, וואָס ער האָט זיין פרייהייט מוחל געווען.

ער ווייס, אַז אָרט פאַר ענדלאָזער שמחה איז אין׳ם קליינעם ווינקעל פון מוטער׳ס האַרץ דאָ, און דאָס ווערען געפאַנגען און געהאַלדזט אין איהרע ליבע אָרימס איז פיעל זיסער ווי די פרייהייט.

דאָס קינדעלע ווייסט נישט פון קיין טרעהרען. עס וואוינט אין׳ם לאַנד פון דער פולקאָמער זעליגקייט.

עס איז נישט אומזיסט, וואָס עס געפינט פאַר גוט, טרעהרען צו פערגיסען.

ווען אויך מיט דעם געלעכטערעל פון זיין ליב פּנים׳ל ציהט ער דעם מוטער׳ס שטרעבענדע האַרץ צו זיך, וועבט דאָך זיין ווייגען איבער קליינליכע דאגות דעם דאָפּעלטען באַנד פון מיטלייד און ליבע.

איבערזעצט דורך: ע ו ז י א ל.

ג. ר.

# אלול־שטימונג

(א תפלה)

זעה ג–ט, זעה מיין פּיין
ביטער מיר איז ווי גאַל,
נישטאָ קיין ליכט, נישטאָ קיין שיין
אין פינסטערען תהום איך פאַל...

ווי וואַקס, אַ, מיין האַרץ צוגעהט,
כ׳טריקען איין ווי אַ שאַרבען,
מיינע יאָהרען ווי א וואָלקען פאַרגעהט
מיינע ליידען מיך טהון פאַרדאַרבען...

פיל איך בין מיט זינד
פאַראומריינעגט מיין נשמה,
העלף ג–ט, העלף געשווינד
גיב מיר שיק דיין נחמה...

ווי אַ ראָד אין קאָפּ זיך אייביג דרעהט
מיין פאַרגעסט, ג–ט אַן דיר,
און ווען אויך אַ רגע דאָס ראַד שטעהט
אַ שרעק מיך נעהמט, וועה איז מיר!...

צוליעבען אָרימען שטיקעל ברויט
פאַרלאָזט מען, ג–ט, דיין הייליג וואָרט,
מ׳פאַרקויפט צוליב עלענד און נויט
דאָס אייביגע לעבען פון דאָרט...

נישט דערווייטער זיך, ג–ט, פון מיר
פאַרגעהט מיין וועהטאָג, מיין צער,
נישטאָ קיינער אויסער דיר
צו העלפען מיר קום, ג–ט, מיין האַר...

צו דיר, ג–ט, איך קום
ליטער מיין האַרץ בין דיין,
מיט דיין רחמנות מיך נעהם אַרום
זעה, כ׳בין דאָך איינזאַם, אַליין...



אונטער דיינע פליגלען, ג–ט, מיך שוץ,
פון בעטריעבער און פיינד.
גיב מיר פון דיין חסד און גוטס
פון אייביגען אור וואָס שיינט...

דו האָסט דאָך אין דיין תורה געזאָגט
אַז תשובה העלפט און טרעהרען,
שוין פיעל, ג–ט, האָב איך געקלאָגט
און אויף תשובה קען איך דיר שווערען...

# א יאהר לעבען.

(פאָלקס-מאָטיוו) —————— פון לייב פיינגאָלד.

אלול — און דער שופר, ער בלאָזט זיינע תקיעה-קולות, ער ליאַרמעט וועגען דעם חשבון פון אַ יאָהר לעבען. שווער אָבער ביז גאָר איז דעם חשבון צו בילאַנסירען. וואָרום, וואָס איז דען דאָס אַזאָלכעס דער מין לעבען? — איז עס: גליקליך זיין, איז אָה, זענען מיר דאָך נאָך גאָרנישט געבוירען געוואָרען!... מיינט מען דערמיט: אומגליקליך צו זיין, זענען מיר דאָך שוין פון לאַנג, גאָר לאַנג געשטאָרבען!...

איז דאָס אַוודאי אַ מין, געגליכען צו אַ לעמפעל, וואָס האָט אין זיך וועהניג נאַפט: אויסגעהן קען עס נישט, ווייל פאָרט איז נאָך דערין נאַפט פערהאַן, אָבער ברענען קען עס אויך נישט, נישטא קיין כוח, ווייל נאָר אַ קליין קאַפּיטשקעלע נאַפט איז דערין פערהאַן!...

יאָ, יאָ אָט אַזוי איז עס טאַקע: אַ געמיש פון לעבען מיט טויט אין איינעם — — —

און דאָס איז אַ יאָהר יודיש לעבען!

וואַרשע אלול-פו.

נרייט אייך צו דער ווערבירונגס-און-פּראָפּאָגאַנדע וואָך פאַר׳ן געראַנק פון „בנות אגודת ישראל" אום חול-המועד-סכות

צענטראַלער סעקרעטאַריאַט.

# די געשיכטע פון כל נדרי

ערצעהלונג פון דער שפאַנישער עפּאָכע.

די מעלאָדיע פון כל נדרי איז די פּאָפּולערסטע און בעליבטסטע ביי אַלע יודען אין דער גאַנצער וועלט. ווי עס בעהויפּטען די בעריהמטסטע מוזיקער און קאָמפּאָזיטארען האָט דער מחבר פון כל נדרי מעלאָדיע געמוזט בעזיצען אַ געוואַלדיגען מוזיקאַלישען טאַלאַנט.

ווער איז עס געווען דער פערפאַסער פון דער דאָזיגער וווּנדערליך האַרציגער מעלאַדיע? ווי איז זיין נאָמען? און וועלכע עפּאכע עאָט ער געלעבט?

וועגען דעם זענען פאַרהאַן פערשיעדענע מיינונגען. עס זענען זאָגאַר פערשפרייט פערשידענע פאַנטאַסטישע לעגענדעס וועגען דעם ווינדערליכער געהיימען מחבר, וואָס איז נאָך עד היום געבליבען אומבעקאַנט פאַר די היסטאָריע פאָרשער. דאָס איז אָבער זיכער, אַז די כל נדרי מעלאָדיע שטאַמט פון שפּאַניען און איז פערפאַסט געוואָרען אין דער טרויעריג בעריהמטער אינקוויזיציע-עפּאָכע. מיר ברענגען דאַ איינע פון די פּאָפּולערסטע ערצעהלונגען וואָס זענען בעקאַנט אין פאָלק וועגען דער שאַפונג פון כל נדרי, וועלכע שיינט צו זיין די ריכטיגסטע.

---

אין דער צייט פון דער שפאַנישער קעניגען איזאבעלא איז ביי איהר געווען אַ יודישער פינאַנץ-מיניסטער מיטן נאָמען דע-סילוואַ. ער האָט געהאַט אַ קריסטליכע פרוי מיט פיער קינדער. וועלכע מ'האָט געצווינגען זיך צו שמד'ן אָבער זיי זענען געווען יודען אין געהיים און האָבען אָבגעהיט די יודישע מצוות בעהאַלטענערהייד. ער איז אַלט געווען 26 יאהר.

צוויי מאָהל אין יאהר, פסח צום סדר און יום-כפור צו מעריב, פלעגען אַ גרויסע צאָהל אנוסים פון שפאַניען זיך צונויפקומען אין פערבאָרגענע היילען אונטער דער ערד, וואו זיי פלעגען פסח אַבריכטען דעם סדר און יום-כפור דאַווענען מעריב און אויסגיסען זייער האַרץ אין תפלות צו ג-ט.

די אינקוויזיציע האָט זיי געזוכט אָבער זי האָט נישט געקענט אויסגעפינען, כאָטש די אינקוויזיציע האָט געהאַט געשולטע אַפּיראַנטען און זאָגאַר דורכגעגראָבענע היילען צוצוקומען אַפילו אין די שלאָף-צימערען פון יעדען פערדעכטיגען מענשען.



עס פערשטעהט זיך אַז די אַנוסים פלעגען שטענדיג טראָגען אַ צלם אויפן האַרצען און האָבען שטענדיג ביי איהם געשווירען. אָבער איידער די אנוסים פלעגען זיך שטעלען דאַוונען האָט מען פריער געמוזט זיי מאַכען פאַר יודען, אום מען זאָל זיי מעגען מצרף זיין צום מנין, פלעגט מען דעריבער אַרויסנעהמען די ספרי-תורה'ס, זעצען אַ בית-דין פון דריי און זיי מתיר מאַכען מיט זיי צו דאַוונען. דערביי פלעגט מען זאַגען:

„על דעת המקום ועל דעת הקהל, בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה אנו מתירין להתפלל עם העבריינים." דאָס מיינט אויף יודיש אזוי: מיטן וויסען פון קהל, מיט דעם געריכט פון אויבען און מיט דעם געריכט פון אונטען זענען מיר מתיר צו דאַוונען מיט די איבערטרעטער.

נאָכדעם האָט מען געזאָגט פאַר זיי כל נדרי, וואָס בעדייט, אַז אַלע שבועות, וואָס זיי האָבען אַ גאַנץ יאָהר געשוואוירען ביים צלם זענען גאַר נישט. די אנוסים פלעגען געגנוג טרעהרען פערגיסען אויף דעם, וואָס זיי ווערען בעטראַכט פאַר משומדים און מען טאָר זיי צו קיין מנין נישט רעכענען, סיידען אַ בית-דין פון דריי יודען, האַלטענדיג ספרי-תורה'ס אין די הענד, וועלען זיי מתיר זיין. אַלע האָבען פון טיפסטען האַרצען געבעטען בוו ג-ט ער זאָל זיי מוחל זיין, ווייל די אינקוויזיציע האָט זיי דערצו געצוואונגען. דאַן פלעגען זיי אַלע אָבגעבען אַ שבח והודי' צו ג-ט, וואָס האָט זיי געהאָלפען און זיי זענען נישט אַריינגעפאַלען אין די הענד פון דער גרויזאַמער אינקוויזיציע און האָבען זיך באַלד געשטעלט דאַווענען.

מען קען זיך פאַרשטעלען מיט וואָס פאַר קלאַפּעדיג האַרץ און טויטשרעק זיי האָבען געדאַווענט דעם יום-כפור מעריב.

איינמאָל — געווען איז עס אין דעם יום-כפור פון יאָהר 1498 — האָבען זיך אַזוי ווי שטענדיג צוזאַמענגעקליבען די אנוסים אין דער פערבאָרגענעם הייל, אום אויסצוגיסען זייערע הערצער פאַר ג-ט. צווישען די דאָזיגע אנוסים זענען געווען מיניסטאָרען, גענעראַלען, פּראָפעסאָרען און אַנדערע הויכגעשטעלטע פערזאָנען אין שפאַניען. פלוצלינג האָט זיך אין מיטען שמונה-עשרה געעפענט די טהיר און אין הייל האָבען זיך אַריינגעריסען אַ גרויסע צאָהל גייסטליכע, געקליידט אין ווייסען מיט מאַסקעס אויפ'ן געזיכט און מיט ליכט אין די הענד. דאָס זענען געווען זשאַנדאַרמען פון דער אינקוויזיציע. אַלע אנוסים האָט מען געשמידט אין קייטען. זיי געוואָרפען אויף דער ערד ווי געבונדענע שאָף און זיי אַוועקגעשלעפט אין די פינסטערע, פייכטע קאַמערען פון דער אינקוויזיציע, וואו מ'האָט זיי געפייניגט און אָנגעטהון די שווערסטע יסורים. צווישען די דאָזיגע אַרעסטירטע איז אויך געווען דע-סילוואַ, דער בעליבטער מיניסטער פון שפאַניען.

נאָך יום-כפור איז די קעניגין איזאַבעלאַ געזעסען ביי זיך אין פּאַלאַץ.

פלוצלינג האָט זי דערהערט אַ גערויש אויפ'ן גאַס, זי איז צוגעגאַנגען צום פענסטער און ווי ערשטוינט איז זי געוואָרען ווען זי האָט דערזעהען ווי מען פיהרט איהר פינאַנץ-מיניסטער דע-סילווא צום פערברענען אויפ'ן שייטער-הויפען.

די קעניגין איז באַלד געלאָפען צום בישאָף, איז פאַר איהם געפאַלען אויף די קניה, געבעטען, מען זאָל נישט פערברענען דעם מיניסטער. דאָס איז געווען צום ערשטען מאָהל, וואָס אַ בישאָף זאָל ערלויבען צו פיהרען צוריק אַ מענשען פון אויטא-דא-פע.

שנעל ווי אַ בליץ איז די קעניגין געלאָפען מיט'ן בישאָפ'ס ערלויבניש צום שייטער-הויפען, דערלאַנגט דאָס פאַפיר דעם גרויס-אינקוויזיטאָר, וועלכער איז געשטאַנען ביי דער הינריכטונג פון מיניסטער. דערנאָך איז די קעניגין צוגעלאָפען צום פעראורטיילטע איהם אָנזאָגען די בשורה, אַז ער איז גערעטעט פון טוידט, נאָר ער דאַרף שווערען ביים קרייץ, אַז ער וועט בלייבען אַן אמת'ער קריסט זיין גאַנצען לעבען.

ווי ערשטוינט אָבער זענען אַלע געוואָרען ווען דער מיניסטער האָט שטאָלץ געענטפערט:

„ניין, קעניגין! מיינע עלטערען זענען געשטאָרבען פאַר זייער אמונה און איך וועל אויך אַזוי טהאָן.

איך וויל נישט איבעררייסען די קייט פון יודענטום, וועלכע ציהט זיך פון אברהם אבינו ביז מיר. איך וויל נישט, אַז די קייט זאָל זיך מיט מיר ענדיגען".

די קעניגין האָט אויפגעציטערט פון זיין ענטפער. זי האָט געזוכט מיטלען ווי אַזוי צו ווירקען אויף זיינע געפיהלען. זי האָט צוגעפיהרט זיינע פיער קליינע קינדער, זיי זענען צוגעגאַנגען צום פאָטער מיט אַ יאָמערליכען געוויין, ער זאָל אויף זיי רחמנות האָבען און זיי נישט איבערלאָזען עלענדע יתומים אויף דער ברייטער וועלט, ווייל אַלס יודען, וועט מען זיי באַלד אַרויסטרייבען פון שפאַניען.

דעם פאָטער'ס האַרץ האָט גענוג געקלעמט אויף דעם געוויין פון זיינע קינדער. ער איז אָבער געווען פעסט ביי זיין בעשלוס. מורא האָבענדיג, טאָמער וועלען די קינדערשע געוויינען ווייכער מאַכען זיין האַרץ, האָט ער אויסגע-שריגען: „שמע ישראל!" און האָט זיך אַליין געוואָרפען אין פלאַקער-פייער. די פלאַמען האָבען באַלד אַרומגעכאַפט זיין קערפער און ר'איז לעבעדיגערהייט פערברענט געוואָרען.

די דאָזיגע פאַסירונג האָט בייגעוואוינט דער בעריהמטער פאָעט און מו-זיקער דאָן-קאַסטילא (איך פון די אנוסים), וועלכער האָט שפעטער בעשריבען די טראַגעדיע אין מוזיק און ווערטער. די מוזיק האָט ער איינגעטיילט אין



צוויי טיילען. דער ערשטער טייל הויבט זיך אָן ווי זיי שטעהען אין הייל שמונה-עשרה און ווי די אינקוויזיטאָרען בעפאַלען דעם הייל, וואו זיי ליגען אַלע געשמידט אין קייטען און האָבען שוין אָנגעוואוירען זייער לעצטע האָפ-נונג אויפ'ן לעבען. אין דעם צווייטען טייל ווערט געשילדערט, ווי די קעניגין איזאַבעלאַ קומט אויפ'ן אוי-טא-דא-פע-פלאַץ און ברענגט איהם די בשורה און ער זאָגט זיך אָב פון לעבען; ער דערמאָנט די קייט פון אברהם אבינו, די קינדער פאַלען צ ם פאָטער און שרייען און בעטען ער זאָל בלייבען לע-בען. ער גיט אָבער אַ געשריי: — „שמע ישראל!" — און שפרינגט אין פייער אַריין.

די מוזיק איז דער נגון פון „כל נדרי", וועלכער הויבט זיך אָן מיט אַ שטילען געבעט און דערנאָך אַ פלוצלינגער שרעק, ווי זיי ליגען אַלע געבונדען און זייערע האָפנונגען זענען פערלוירען. דער צווייטער טייל פון „כל נדרי" דריקט אויס אַ פלוצלינגע בשורה, אַן ענטפער — „ניין" — ער וועט נישט שווערען ביים קרייץ. אַז ער בלייבט אַן אמת'ער קריסט, אַ געבעט פון די קינדער, אַ געשריי — „שמע ישראל!" — און אַריין אין פייער.

די דאָזיגע וואונדערליכע מעלאָדיע איז איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל און איז אַזוי אַרום פערשפרייט געוואָרען בכל תפוצות ישראל. נאָך ביז היינטיגען טאָג ווערט די האַרציגע מעלאָדיע פון „כל נדרי" געזונגען אין דער הייליגער נאַכט פון יום-כפור אין אַלע פערוואָרפענסטע ווינקעלעך און ישובים וואו עס געפינען זיך נאָר אַ מנין יודען, כאָטש נישט אַלע ווייסען ווער ס'איז געווען דער וואונדערליכער מחבר. וועלכער האָט געמוזט זיין קאָנספיראַטיוו צוליעב מורא פאַר דער גרויזאַמער אינקוויזיציע וואָס האָט איהם סוף כל סוף נישט אויסגעמיטען און וועלכער האָט שפעטער אַזוי העלדיש פערענדיגט זיין לעבען אויפ'ן פייער פון אוי-טא-דא-פע מיט „שמע ישראל" אויף די ליפען.

בעאַרבייט צום דרוק —

ז. זינגמאַן.


## פרעסע-קראַנץ

לעזער און פריינד!

מיר צווייפלען נישט דאָס איהר נעמט אויף מיט פרייד די ידיעה אַז פון קומענדיגען נומער אָן, ווערט אונזער זשורנאַל צוריק פערגרעסערט.

זאָל אָבער ביי אייך געפונען אַ אָפקלאַנג אונ-זער בקשה: צו שיקען תיכף אייערע שפענדע פאַר'ן „פ ר ע ס ע - ק ר אַ נ ץ".

וואַרט נישט ביז מ'וועט אייך ערשט אַרויסרופען זייט פון די זייזים און רופט בע-סער אַרויס אַנדערע.

טובי יאַקובאָוויטש.

# פאר די ימים הנוראים

כב – – – ק – – – רת...

ס'הערט זיך אַ אַבקלאַנג פון אַ דינע סאָפּראַנען שטימע, וועלכע ציהט זיך פון איינע פון די שמאָלע געסלעך פון שטעדטיל.

דאָס קול גייט אַרויס פון ר' גדלי' ראַדאָמסקער'ס הויז, דאָרט וואוינט זיין איידעם אליעזר, וועלכער מאַכט שוין הכנות אויף די באַלד קומענדע ימים הנוראים.

די לופט איז ריין, אַ קיהל הערבסט ווינטעל בלאָזט, דער בלאָה-קריסטאַל הימעל איז בעדעקט מיט פיעל בלישצענדע שטערען און צווישען זיי שפּאַצירט זיך געמיטליך די בלאַסע לבנה.

נאָך שעהנער שפיגעלט זיך אָב דאָס בילד אין עק שטאָדט.

אָבגעטיילט פון דער כאַאָסדיגער וועלט, שטייט דער פער'חלום'טער וואַלד מיט זיינע הויכע סאָסנעס, וועלכע וואַרפען אַ פינסטערען שאָטען אויף די אומגעגענד, די געלע בלעטער זיי בעוועגען זיך און עס דאַכט זיך אַז זיי זענען מתפלל צום בעשעפער.

שטיל איז אין דער געגענד, אַלץ דרימעלט, אַלץ שלאָפט, אַלע מאָל טהוט זיך אָברופען דער „עכאָ" פון אַ זינגענדיגען פויגעל, עס דאַכט זיך אַז אויך דאָס קול פון פויגעל איז הייליג.

אַלץ איז הייליג...

עס הערט זיך: „אמת אתה הוא יוצרם, ואתה יודע יצרם"...

אויסגעמישט, צוזאַמענגעבונדען זענען די קולות פון חזן מיט זיינע בעגלייטער און דאָס קול פון פויגעל. די קולות הילכען אָב אין די לופט און זיי וואַנדערען אַוועק ווייט, ווייט-אין פעלד...

די לופט איז פול מיט קדושה, אַלץ איז הייליג.

— — — — — — — — — — — — — — —

פאַרטאָג...

נאָך גוט פינסטער אין דרויסען, די וועלט זעהט אויס ווי „מעשי בראשית", די ג–ט'ליכייט שוועבט אַרום דער וועלט... עס הערט זיך אַ שטיל פלאַטערען פון די פליגעל פון די כרובים... גאַנצע מחנות מלאכים, שופים זינגען אַ לויב ליעד דעם בעשעפער... די פמליא זאָגט שירה;

קדוש, קדוש, קדוש...

אַ ג–טליכע אימה שוועבט איבער די וועלט... די אייביגקייט הערשט איבער די וועלט...



אַ טויטע שטילקייט הערשט, גלייך ווי די מענשהייט איז אָבגעשטאָרבען, איז פערשוואונדען פון די וועלט-אַרענאַ.

— — — — — — — — — — — — — — —

— שטעהט אויף לעבודת הבורא! — ס'הערט זיך דאָס הייזעריגע קול פון שטאָדט-שמש רופענדיג אין שוהל אַריין, ער קלאַפּט אָן, אין די לאָדענס פון די פענסטער און רופט: יודען! שטעהט אויף לעבודת הבורא...

באַלד זעהט זיך אויף די גאַסען, אַ בעוועגונג פון מענשען וועלכע געהען אין די ריכטונג פון די' שוהל.

ס'הערט זיך דאָס בלאָזען פון שופר, אַ „שברים-תרועה" בעגלייט מיט שווערע זיפצען, עס הערט זיך אַ „תקיעה" און ס'דאַכט זיך, אַז מען הערט פון דעם שופר דאָס וואָרט ת ש ו ב ה...

פון די אָפענע בית-המדרש פענסטער מיט אַ גמרא ניגון הערט זיך: כל באי עולם עוברים לפניו כבני מרון... אַ ביסעל שפעטער הערט זיך: היתקע שופר בעיר והעם לא יחרדו?!..

עס נעמט אַרום אַ ציטער, אַ קדושה געפיהל נעמט יעדען אַרום און עס קלינגט אין די אויערן דאָס וואָרט: ת ש ו ב ה...

— — — — — — — — — — — — — — —

אַלץ איז איינגעוויקעלט אין קדושה... אַלץ איז הייליג...

מ. א. קמיאטעק

# שרה בת טובים

טאָג איין, טאָג אויס, ביי איין און דעמזעלבען פענסטערעל, אין אַ לאַנג שמאָל יודיש געסעל פלעגט זי זיצען, איינגעהילט אין שאָטען וואָס האָבען געוואָרפען די שוואַרצע ווענד פון אַ נידריג שטיבעל און פון אַלט צעבראָכען מעבעל.

אַ פערבייגעהענדיגער פלעגט נאָר קענען בעמערקען אַ קאָפּ שוואַרצע האָר, פערקעמט גלייך אַרויף מיט אַ ווייס גלייכען שרינד, וואָס האָט געשפּאָלטען דעם קאָפּ און האָט דעם פערבייגעהער אויסגעדאַכט, ווי אַ לבנה-שטריך אין אַ פינסטערע נאַכט; צוויי געלאָקטע פיאות, האָבען אַראָבגעהאָנגען פון ביידע זייטען אויערן און צוויי שורות געדיכטע ברעמען, וואָס האָבען פערדעקט אַ פּאָר אויגען און אַ שפּיצעל פון אַ יידיש לענגליכע נאָז, וואָס האָט אַפּוירגעקוקט און אַנ'איינגעבויגענער קערפּער איבער אַ מאַשין, וואָס האָט געזהודזשעט מיט אַ ברוגז'דיגען טאָן.

טיילמאָל פלעגט זיך פון דעם דאָזיגען קליין פענסטערעל לאָזען הערען אַ שטילער ניגון, אַ ניגון אָן ווערטער, א ניגון אָן אַ מחבר, וואָס וואַגעלט זיך אַרום אין תהו און פאַלט אַמאָל אַריין בײַ עמיצען און ווערט צוריק פערלוירען. דאָס זענען נגונים פון דוד המלך׳ס פידעלע, וואָס ווילען נישט רוהען אָן קיין אַנדערע סטרונעס און זעלטען ווען אַ ניגון ווערט פערבלאָנדזשעט און פאַלט אין אַ מויל אַריין, און דער וועלכער ועט הערען דעם דאָזיגען ניגון וועט זיך אָבשטעלען. נישט ווילענדיג וועט ער זיך דערמאָנען אין תהילים און אַז דאָס זינגען וועט אויפהערען וועט ער זיך אַוועקשלייכען שטיל מיט אַ הארץ פול בענקעניש, נאָך עפיס וואָס נישט דערגרייכבאַרעס. אַנ׳האָפנונגלאָזעס נאָך עפיס אַזוינס וואָס האָט קיינמאָל נישט געהאַט און געקענט האָבען, און האָט נישט. און בחנם וועט ער זיך ווען דערמאָנען די פנים געשטאַלט פון דעם זינגער פון דאַזיגען ניגון – פערגעסען געוואָרען ווי דער ניגון איז פערגעסען געוואָרען ביים זינגער — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אויב ג–ט האָט געגעבען עפיס גוטעס פאַר די מענשען, איז איינס פון זיי אַ גוט האַרץ.

אויב דאָס האַרץ דער עיקר חיות פון מענש איז, פון יעדע לעבעדיגע זאַך איז גוט איז שוין במילא אַלס, וואָס שאַפט זיך און בויט זיך אויף דעם גוט, אָבער נישט יעדער האָט אַ גוט האַרץ און נישט יעדער איז עס זוכה צו האָבען; און אויב מענשען האָבען זי מקנא געווען מיט אַלע מעלות וואָס זי האָט געהאַט, האָט מען אָבער דאָך מעהר אַכט געלייגט אויף איהר גוט האַרץ, ווייל אַזאַ גוט האַרץ ווי זי האָט געהאַט, האָט מען געמוזט ווייט זוכען און דעריבער טאַקע, האָבען זי אַלע גערופען ש ר ה  ב ת  ט ו ב י ם.

שרה בת טובים איז אַ יתומה פון איהר מוטער. געבליבען איז איהר ביים לעבען אַנ׳אַלטער קראַנקער שטיף-פאָטער, אַ פאַראַליזירטער אויפ׳ן גאַנצען גוף, ער בעוועגט נישט מיט קיין האַנד נישט מיט קיין פוס און נישט מיט די צונג. נאָר דאָס האַרץ קלאַפט און דער מאָגען אַרבייט נאָך שטאַרק, אַז איהר קוקט אַריין בײַ שרה בת טובים אין שטוב וועט איהר זעהען אַז צווישען אַנ׳אַלטע קאָמאָדע און אַ הענג שפיגעלע, שטעהט אַ האָלצען בעט וואָס איז פול בעטגעוואַנד. אַ הויפען מיט דעק און קישענס און סתם טאָרבעס פעדערין, און פון צווישען דעם גאַנצען באַרג פעדערען, קוקט אַרויס אַ שוואַרצע קנויל וואָס איז עהנליך צו אַ מענשליכע צורה, פון אַ ריזען קאָפ מיט אַ לאַנגע ווייסע צעקעמטע באָרד, אַ פּאָר פערליימערטע אויגען אין סופיט אין אַ געל פנים ווי וואַקס און אַ פּאָר לאַנגע קאַלטע הענד וואָס ליגען אומבעוועגליך. און איינקוקענדיג זיך אין דעם דאָזיגען נפש וואָלט אייך זיך געדוכטען אַז עס איז אַ געפּאַלמעסטע מומיע פון טוטאַנקאַמענס קבר... ווען



נישט דער קרעכץ וואָס פלעגט זיך אַרויסרייסען ווען נישט ווען מיט אַ הייזעריג טרוקענער שטימע, וואָס איז פול מיט כעס און גאַל – אָבער גאַנץ זעלטען ווען ער גיט אַ קרעכץ, ווייל דער דאַזיגער נפש ווייס, אַז יעדער קרעכץ וואָס רייסט זיך אַרויס פון זיין אינעווייניגסטע טיפסטע האַרץ-ליידן, זענען ווי גיפטיגע שלאַנגען ביסען צו זיין שטיף טאָכטער שרה׳לע, דאָס ווייס ער פון איהר צעשראַקענע אויגען און איהר ציטערען מיט די שלעפין, ווען ער נעמט הוסטען, קרעכצען...

גאַנצע טעג און נעכט וואָס ער טוט ליגען פלעגט ער נאָר קלערען, קלערען וועגען אַלעם אַ חוץ וועגען טויט.

ער פלעגט קלעהרען וואָס טוט שרה! צי זי עסט? אָדער וואָס אַ שטייגער קען זי יעצט קלעהרען!

ער פלעגט איהר איבערקלעהרען יעדע מינוט און פערשטעהען איהר יעדע בעוועגונג, יעצט גייט זי איהם געבען עסען, אַוועקזעצען זיך נעבען בעט און איהם אָנפּאַשען ווי אַ קליינטשיק קינד אָבווישען איהם דאָס מויל, איהם גלייך מאַכען דאָס בעטגעוואַנד און צוריק זיך אַוועקזעצען נייען און קלאַפּען מיט די מאַשין... אָדער ווען זי פלעגט איהם אַנטון אין טלית מיט די תפילין און מישען די בלעטער אין סידור, דעמאָלס אַז ער דאַוונט פלעגט ער אין זינען האָבען איינס:

— ג ט בעצאָהל איהר כאָטש פאַר איהר גוט האַרץ, זאָל זי איהר גאַנץ לעבען זיין גליקליך פון קיין צער נישט וויסען און לאַנג לעבען — שרה פלעגט איהם פערשטיין און עס פלעגט איהר ווייך ווערען ביים האַרץ און טרעהרען גרויסע וואַרימע נעמען קייקלען אויפ׳ן אַלטענס גוף.

אַזוי פלעגט שרה פערברענגען איהר גאַנצע צייט מיט׳ן אַלטען שטיף-פאָטער נישט גייענדיג מיט קיינעם און דאָך איז זי געווען געאַכטעט און בעליבט בײַ אַלע און אַלע האָבען זי גערופען שרה בת טובים.

שרה שענירער

# אונזערע ווייטערע אויפגאבען

(אלול-געדאַנקען)

דאָס יאַהר געהט צום סוף און אָט דערמאָנט אונז דער קול פון שופר, אַז די טעג צום גרויסען שופר-טאָג, ראש-השנה. זענען שוין געצעהלטע „מה שהי׳ הוא שיהי׳ — וואָס עס איז שוין געוואָרען, דאָס זאָל ערשט ווערען — אַזוי זאָגט אונז דער יודישער וועלט׳ס-חכם אין קהלת.

די חכמה וואָס ליגט טיעף בעהאַלטען אין די דאָזיגע ווערטער האָט זיך איינגעלעבט אין די אייגענשאַפט פון יודישען דענקען און פיהלען. דער אמת׳ער יוד איז קיינמאָל נישט פערטיג, האָט תמיד נאָך גאָרנישט געענדיגט; ער איז שטענדיג אונצופרידען, ווייל ער ווייסט דאָס ער שטעהט ערשט ביי דער התחלה. ער מאַכט ערשט צו דאָס ספר, און ווען ר׳האַלט שוין ביי די ווערטער „לעיני כל ישראל״ — הויבט ער ווידער אָן „בראשית״ „הדרן עלך״ — כ׳קום ווידער צו דיר גריסט ער יעדעס מאָל די מכּתא ווען ער געהט אַוועק פון איהר, דאָס גאַנצע לעבען שטודירט ער די תורה מיט׳ן זעלבען ווילען ענערגיע און פלייס, דער אידעאַל רופט זיין נשמה נאָר ווייטער צו טוען און ווייטער צו ווירקען; אויך תמיד מונטערט ער זיין מֹוח צו לערנען און שאַפען. חזק ונתחזק! דאָס יודענטום ווערט קיינמאָל ביי איהם נישט פערעלטערט זיין עבודות ד׳ איז נישט בעל כרחו, די מצות ווערען קיינמאָל נישט באַנאַל, טוענדיג די מצוה נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל איז אין איהר אַלץ פערהאַן פרישקייט און בענייאונג.

זייט טויזענטער יאָהרען ווערט אַלץ געטון מיט׳ן זעלבען פייער, מיט דער זעלבער גליהענדיגער בעגייסטערונג און טיפער ערקענטניס.

אַנדערש איז דער מהות פונ׳ם לייכטזיניגען מענש. דער לייכטזיניגער זוכט אַלע מאָל נייעס און פרישעס און פערגעסט גאָר דערביי אַז אויך די וועלט, די נאַטור איז אַלט, אָבער ווערט תמיד דערפרישט און בענייט דער לייכטזיניגער האָפט אויף זיין גליק פון אַ צופאַל און פערגעסט אַז יעדער מענש איז דער מייסטער פון זיין אייגען גליק ד. ה. דער מענש האָט טאַקי די בחירה אָבער אין דער תורה שטעהט „ובחרת בחיים״.

ערנסטקייט מאַכט פרעהליך, בעשיידענהייט מאַכט שטאַרק, דאָס ערפילען פון די מצות מאַכט גליקליך. דאָס מקיים זיין די געזעצען פון דער תורה מאַכט אייביג יונג און ברענגט מיט זיך לעבענס-פרייד און פרישקייט.

* * *

וואָס ווילען מיר אייגענטליך דערמיט זאָגען. מיר ווילען דערמאַנען אונזערע ברודער און שוועסטער אַז דאָס יאָהר ענדיגט זיך שוין און דער טאָג אין וועלכען מ׳דאַרף זיך אָפגעבען אַ דין וחשבון איז שוין נאָהנט, וואָס האָבען מיר געטון במשך דעם יאָהר אַז דער גייסט פון ישראל סבא זאָל שטאַרקער, געזונטער, און קרעפטיגער ווערען אין די רייהען פון אונזער פאָלק.

בעזונדער׳ס פרעגען מיר פרויען זיך, וואָס האָבען מיר געטון אַז דער יודישער גייסט ביי אונזערע טעכטער זאָל ברייטער און טיפער פערפלאַנצט ווערען — מ׳וועט מיר ענטפערן — וואָס ווילסטו נאָך? ס׳עקזיסטירען שוין אַ רייהע „בית יעקב״ שולען, אַ רייהע אָרגאַניזאַציעס „בנות אגודת ישראל״



און זיי זענען דאָך די בעסטע עדות אַז מיר האָבען דאָס יאָהר אַ סך געשאַפען.

ניין, ליבע שוועסטער, מיר שטעהען ערשט אויף דער שוועל פון אונזער שאַפען. אונזער הייליגער אַרבייט הויבט זיך ערשט אָן, מיר האָבען קוים אויפגעבלאָזען דעם פינק וואָס האָט נאָך געטליעט אין די הערצער פון אונזערע שוועסטער, אָבער אַז דער דאָזיגער פונק זאָל זיך ווי געהעריג צופלאַקערען דאַרף מען נאָך פיעל, און פיעל טוען בכדי דער פלאַם זאָל גרויס ווערען, דאַרף נאָך פיעל כוחות אַוועקגעלעגט ווערען.

מיט מסירת הנפש און התלהבות מוז פאַרטגעזעצט ווערען דאָס הייליגע ווערק יועלכעס האַלט זיך ערשט אין בויען צום כבוד פון אונזער הייליגער תורה.

* * *

דאָס יאָהר איז צו ענדע, דער שופר רופט, די סליחות טעג וועקען אונז, מיר זאָלען דאָס נייע יאָהר אויפנעהמען מיט פרישע שמחה און מוט, נישט קוקענדיג דערויף ווי שווער עס זאָל נישט זיין אונזער געדאַנק צו פערווירקליכען. מוזען מיר אָבער די זאָרג צו ערציהען אַנ׳עכט יודיש דור האַלטען פאַר די ערשטע און סאַמע וויכטיגסטע זאָרג פון די טאָג טעגליכע דאגות — ביז אַלע וועלען אויסרופען:

בית יעקב לכו ונלכה באור ד׳!

---

# נאטיצעז

דער צווייטער פאָרטבילדונגס-קורס אין יארדאנאוו

(געווידמעט די ערעפנונג י״ט אלול).

פון א. גפן.

אין דער צייט ווען אויף אַלע געביטען און אגודה-לעבען הערשט כמעט אונטעטיגקייט און אַ טויטע שטילקייט, דאַרף פונ׳ם טיפען האַרצען און מיט דער גרעסטער שמחה בעגריסט צו ווערען די פראָדוקטיווע מעשים, וואָס שטאַרקען און פערברייטערען זיך אַלץ מעהר אויפ׳ן „בית יעקב״ געביט.

צו די בעדייטענדסטע אויפגאַבען פאַר׳ן „בית יעקב״ געדאַנק געהער בלי ספק די ווייטערע אויסבילדונג און פערפאָלקאָמונג, בערייכערען מיט ידיעות היהדות ווי פעדאַגאָגישער ענטוויקלונג, די לעהרערינס פון אונזערע שולען. בפרט נעמענדיג אין אַכט אַז אַ גרויסער טייל פון די לעהרערינס זענען פריה-

צייטיג געגאַנגען אויף פּאַסטענס, צוליב'ן דראַנג פון דער צייט, נאָכנישט האָבענדיג ווי געהעריג אַדורכגעמאַכט דעם פאָלקאָמען סעמינאַר-קורס — איצט ווערט עס אָבער ערגענצט דורך די פאָרטבילדונגס-קורסען און זיי בעקומען די מעגליכקייט זיך ווייטער משתלם צו זיין.

האָבענדיג נאָך אין זכרון די פרוכטען פונ'ם ראַבאָווער קורס, וועלכער האָט אויף אַ סאַך פּראָצענטער פאָראויסגערוקט אונזער יונג שול-וועזען, איז צו האָפען דאָס דער יאָרדאַנאָווער קורס וועט זיך ווייטער אויסצייכענען מיט זיינע ערפאָלגען און די זיכערהייט דערויף גיט, דער שטאַרקער חשק-הלמוד און די אונערמידליכע פלייס, וואָס אונזערע אידעאַלע לעהרערינס ווייזען אַרויס ביים פאָרטבילדונגס-קורס. נאָכמעהר פערשטאַרקט דער בטחון אינ'ם ערפאָלג די מיה און אויפאָפּפערונגס-פרייוויליגקייט, וועלכע ס'האָבען די רוטינירטע דאָצענטען און דאָצענטינס.

אגב, האַלטען מיר פאַר אונזער הייליגסטע פליכט אויסצודריקען אַ האַרציגען יישר-כח דער ווינער „קרן-התורה"-צענטראַלע און איהר חשוב'ן דירעקטאָר ה' דר. שמואל דייטשלענדער פאַר'ן וואַכען מיט'ן שטאַרקסטען אינטערעס און אינטעזיוויטעט אויף דער „בית יעקב" זאַך און דאָס כסדר'דיגע מעורר זיין די אָרט. פרויען-קרייזען אין אויסלאַנד אויף אונטערשטיצען דאָס הייליגע ווערק.

אַ אויפריכטיגען דאַנק פערדינען אויך די חשוב'ע פרל.-ס ראָזענבוים ראָטשילד און מאַננעס פאַר זייער ליבע און מסירות הנפש צום „בית יעקב" אידעאַל. —

לכו בכחכם זה והושעתם את בית ישראל!!!

נאָך די חמשה-עשר-באב פייערונגען

דער צענטראַלער סעקרעטאַריאַט פון „בנות אגודת ישראל" האָט דער-האַלטען פון אַ ווייהצ שטעדט לאַנגע אויספיהרליכע בעריכטען איבער דער גרויסער שמחה, וואָס ס'האָט אַרויסגערופען די בענייאונג פונ'ם היסטאָרישען יודישען פרויען-יום-טוב. צוליב מאַנגעל אין פלאַץ זענען מיר ליידער געצוואונגען פון יעדען בעריכט אַרויסצונעמען נאָר אַ פּאָר שורות און פערעפענט-ליכען.

בכלל ווייזט זיך אָבער אַרויס אז דער ערפאָלג פון די פייערונגען האָט איבערגעשטיגען אַלע עַ וואַרטונגען מיט זייער התלהבות און טיפער ערנסטער השתפכות הנפש.

ווי גרויס דאַרף זיין די פרייד פון דער אָרטאָדאָקסיע, ווען עס ווערט-



אַנגעזאָגט אַזאַ בשורה טובה: ביי דעם היינטיגען גייסטיגען דלות אין יודישען לעבען נאָכמעהר אין אַ צייט ווען די געפערליכסטע אַסימילאַציאָנס-טענדענצען האָבען בעהערשט די יודישע טעכטער, געפונען זיך אָבער נאָך אַ גרויסער טייל יודישע טעכטער וועלכע פערמאָגען אין זייערע הערצער טרייהאַפט און ליבע צו אונזער פאָלק און זיינע טראַדיציעס; בעזועלט מיט דער אידעע צו בלייבען רעליגיעז און צו מאַניפעסטירען זייער אידעאַליזם דורך פייערען אַ אַלטען טראַדיציאָנעלען יום-טוב.

זאָל דאָס זיין אַ מוסר-השכל פאַר די וואָס זענען זיך שוין מייאש און ליידען אויף אַ פערצווייפלונגס-מאַניע, נישט וועלענדיג זיך צוריהרען עפעס צו טהון פאַר דער דערהאַלטונג און אויפלעבונג פון רעליגיעזען גייסט, ביי זיירע טעכטער.

צו אונזערע שוועסטער וועלכע האָבען געהאַט דעם מוט אונזער אַלטע פאָהן אויפצוהויבען זאָגען מיר:

והי' ראשיתכן מצער — ואחריתכן ישגא מאד!!!

## גראַנדיעזע מאַניפעסטאַציעס פון יודישע טעכטער פאַר'ן רעליגיעזען געדאַנק

התלהבות און ענטוזיאַזם ביי די „בנות אגודת ישראל" אין חמשה-עשר-באב —

סלופּצא: תיכף נאָכ'ן דערהאַלטען דעם צירקולאַר פון דער צענטראַלע, זענען מיר צוגעטרעטען מאַכען די נויטיגע הכנות בכדי מיט פּאַראַד צו פייערען דעם היסטאָרישען יום-טוב פון די טראַדיציאָנעלע יודישע טאָכטער. צו דעם צוועק האָבען מיר אויך איינגעלאַדען דעלעגאַטינס פון די אַרומיגע שטעדטלעך בכדי אויך ביי זיי צו דערוועקען אינטערעס פאַר אונזער געדאַנק. צום כבוד פון אונזער אידעאַל, האָט די פייערונג מיט איהר גרויסען ערפאָלג איבערשטיגען יעדע ערוואַרטונג. זונטאַג נאָכמיטאַג זענען גע-קומען אין אונזער שטאָדט איבער 20 דעלעגאַטינס פון די שטעדטלעך קאַנין, גאלין, זאַגראַוו, פייזערן, קלעטשאוו, שאמארטין א. א.

8 אַ זייגער אָווענד, האָבען זיך אין לאָקאַל זיך פערזאַמעלט אַלע אונזערע חברות, די דעלעגאַטינס און פיעל איינגעלאַדענע געסט פון די יודישע פרויען און טעכטער אין אונזער שטאָדט. דער לאָקאַל איז געווען הערליך דעקאָרירט, די בלומען און דאָס גרינס און די פערשידענע אויפשריפטען ווי

אויך דער רייך-סערווירטער טיש מיט גוטע מאכלים און געטראַנקען האָבען צוגעגעבען אַ בעזונדערע פייערליכע שטימונג. אויפ'ן פּרעזידיום טיש זענען געשטאַנען פיעל ליכט און פערשידענע בעפּוצונגען. ביים טיש פערנעהמען דאַן די ערטער: הרבנית פרוי לעווי, פאָרז. פרל. פּ. ג. וויינשטיין, וויצע פרל. ה' לאַקס, סעקר. ח' בוימאַן א. אנד. פרל. וויינשטיין עפענט די חגיגה, ערקלערענדיג די אורזאך דערפון וואָס דער יום טוב חמשה-עשר-באב וועלכער איז שוין לאַנג פערשוואונדען אין דער פערגאַנגענהייט, ווערט איצט דורך דער.

אָרטאָדאָקסישער-„בנות" צוריק בעלעבט.

אין נאָמען פון דער אָרטיגער אגודה ווערען געלייענט בעגריסונגען פון די ה"ה מאַנספעלד, העלפגאָט און ר' שמחה לאטטא. עס בעגריסען אויך פרל. קאַנטאָר – פייזערען, פרל. שוואַרצמאַן — זאַגראָוו. דאַן האַלט פרל. פּ. ג. וויינשטיין אַ לענגערע רעדע מענינא דיומא, איבער דער בעדייטונג פונ'ם פּרעסע-קופּאָן און דער שעדליכקייט פון דער כפירה-ליטעראַטור. דאַן קומען פאָר ווייטערע דעקלאַמאַציעס „ערוואַך" – פרל. פּ. רייכמאַן, „בתוך הרעש" – ה. רייכמאַן, די בעגריסונג פון דער צענטראַלע „ישראל'ס טעכטער" — פרל. לעשטשינסקאַ, „ווען איך קוק זיך ארום" – פרל. שטיפּטער. Lud mój — פרל. ה' רייכמאַן, „B-skie słowa brzmią" — פרל. לעשטשינסקאַ א. א.

דערנאָך ביים סערווירטען טיש האָט פרל. יאַשינסקאַ – זאגאראיו פאָרגעלייענט „דעם זיידען געפעלט עס נישט" פון מ. שוואַרצמאַן. ביים שלוס פון דער פייערונג איז אָנגענומען געוואָרען אַ שאַרפע פּראָטעסט רעזאָלוציע געגען אַ טייל יודישע פרייליינס פון אונזער שטאָדט וועלכע האָבען זיך ערלויבט געהען אויף פערוויילונגען אין די „ניין טעג". ביי התלהבות'דיגע אויסרופען „לשנה הבאה בירושלים" געהט זיך דער עולם פונאַנדער. די פייערונג האָט איבערגעלאָזט אין אונזער שטאָדט אַ געוואַלדיגען רושם. אויך האָבען די דעלעגאַטינס צוגעזאָגט צו גרינדען אין זייערע ערטער אָרטס-גרופּען פון „בנות אגודת ישראל".

מ אַ ק אָ וו: די נאַכט פון חמשה-עשר-באב איז פאָרגעקומען די חגיגה אין אייגענעם לאָקאַל לויט פאָלגענדען סדר: פרל. דינה אָרליק עפענט די פערזאַמלונג מיט אַ קורצע איינלייטונגס-רעדע. ח' חוה רליק רעפערירט, רעדט וועגען דער בעדייטונג פון בנות אג"י. ח' חי' שאַפּיר רעדט מענינא דיומא. חבר'טע שרה שרעמער לייענט די בעגריסונג פון צ. ס. ח' פרומעט שרעמער דעקלאַמירט „ישראל'ס טעכטער" ח' שיינדל ראַזענשטיין דעקלאַמירט „אלי אלי" דאָס 10-יעהריגע מיידעלע מאָנדרי האָט הערליך דעקלאַמירט אייניגע אָרטאָדאָקסישען זאַכען און נאָכ'ן געזאַנג פון „ערוואַך" און „יודישע טעכטער" ווערט די אָפּי-



ציעלע פייערונג געשלאָסען.

פון 10 אין אָוועגד ביז אויפ'ן גרויען טאָג איז אין דער וואוינונג פון ה' זאב ארליק פאָרגעקומען די פאָרטזעצונג ביי אַ רייך-סערווירטען טיש, ביי דער בעטייליגונג פון די אָנגעזעהענסטע יודישע פרויען און טעכטער פון שטאָדט מיט הרבנית א י י ד ע ל ב ע ר ג אין דער שפּיץ. אין נאָמען פון דער אָרטיגער אגודה האָט בעגריסט ה' ישראל סג"ל. וועלכער האָט געוועקט די פעי זאמעלטע ווייטער צו אַרבייטען פאַר די הייליגע אידעאַלען.

פ ר אַ ש נ י ץ :

פּעל מיה האָט אונז געקאָסט צו פייערען דעם היסטאָרישען יום - טוב פון דער יודישער טאָכטער — דער ערפאָלג פון דער פייערונג איז אָבער איבערשטיגען יעדע ערוואַרטונג. דער זאַל איז געווען הערליך דעקאָרירט און בעפּוצט מיט בלומען, גרינס און די געהעריגע אויפשריפטען ווי אויך אַ גרויסאַרטיג סערווירטער טיש. פרל. פייערשטיין עפענט די חגיגה און אַגיטירט אויך צו קויפען דעם „פּרעסע קופּאָן". פרל. מלאַווסקאַ האַלט זעהר אַ גייסטרייכע רעדע אין וועלכע זי דריקט אויס די שמחה וואָס עס האָבען די טריי-געבליבענע יודישע טעכטער. האָבענדיג זוכה געווען צום היינטיגען טאָג. זי לייענט אויך די בעגריסונג פון צ. ס. וועלכער מאַפּט אַ אונגעהויערען רושם. פרל. וויינבערג רעדט מענינא דיומא. חנה בוימגאַרט דעקלאַמירט „ישראל'ס טעכטער", עס דעקלאַמירען נאָך: מאלא מלאַווסקאַ, בראַנא פייערשטיין, מרים שצוצינער א. א. בכלל האָט דער חמשה-עשר-יום-טוב אונז זעהר געשטאַרקט פאַר אונזערע הייליגע אידעאַלען.

י אַ ס ל אַ : אויך ביי אונז איז דער חמשה-עשר-יום-טוב געפייערט געוואָרען מיט גרויס שמחה. געעפענט די פייערונג האָט די פאָרזיצ. פרוי רחל האַלבערשטאַם און געלייענט דעם בעגריסונגס-בריף פון דער צענטראַלע. פרל. חנה פרייד האָט געהאַלטען אַ אינהאַלטסרייכע רעדע מענינא דיומא. ס'זענען דאַן דעקלאַמירט געוואָרען פערשידענע ארט. שטיק. ביים סערווירטען טיש האָבען זיך געמיטליך אונטערהאַלטען די געסט און ס'איז פאָרגעפיהרט געוואָרען אַ קינדער טאַנץ-און-טורן-שפּיעל. דאָס לעצטע איז געווען איינגעאָרדענט אַ דאַנק די אינטענסיווע אַרבייט פון פרל. ר ח ל ק אַ ל ב און ר י י ז ל צ י מ מ ע ט אונטער התלהבות'דיגע אויסרופען שליסט פרל. פריינד די חגיגה.

וו ע נ ג ר אָ וו : די פייערונג פון חמשה-עשר-באב איז ביי אונז אַ דורך זעהר געלונגען. ס'זענען געהאַלטען געוואָרען רעדעס און דעקלאַמאַציע לויט די אינסטרוקציעס פון דער צענטראַלע. אויף דער פייערונג איז אויך פאָרגעקומען וואהלען פון אַ פערוואַלטונג וועלכע האָט זיך קאָנסטיטואירט אויף דעם אופן: ש ר ה נ יי מ אַ ן — פאָרזיצערין, פייגא שלעזינגער — וויצע, רחל

לאַק — קאַסירערין, רבקה שפּילמאַן — וויצע, גאָלדא גילצער, יוכבד מאָרגענשטערן, יוטקע ניימאַן.

שעדלעץ: דורך דער איניציאַטיוו פון די היגע „בית יעקב" שולע איז פאָרגעקימען ביי אונז די חמשה-עשר פייערונג ביי פול-געפּאַקטע צימערען פון אונזער שול-לאָקאַל. ס'זענען געלייענט געוואָרען בעגריסונגען פון: אגודת-ישראל, רעדאַקציע „אונזער וועג" פון דער „בנות" צענטראַלע און ס'האָבען דעקלאַמירט די „בית יעקב" שילערינס פעריל ליבערמאַן (יודיש) גראַפּמאַן (העברעאיש) פערקאַל (יודיש) אין נאָמען פון קראַקאָיוער סעמינאַר פרל. וואָלף וסקי-סאָקאָלאָוו, פון דער סאָקאָלאָווער שולע פרל. סאָכאַטשעווסקי, ס'האָבען געהאַלטען רעפעראַט. דער פאָרזיצענדער פון „בית יעקב" קאָמיטעט ה' קליינלעהלער, דער לייטער פון דער שולע ה' לאַסקער און אַ אינהאַלטסרייכען רעפעראַט פון בעקאַנטען ליטעראַט ה' שוואַרצמאַן. אונזער אָרגאַניזאַציע צעהלט שוין ב"ה 180 חברות.

פלאָנסק: אין דער וואוינונג פון פרוי מאָצנע איז פאָרגעקומען ביי אונז די חמשה-עשר פייערונג אונטער'ן פאָרזיץ פון פרוי פאַגעל. עס האָבען געהאַלטען רעדעס איבער דער בעדייטונג פון טאָג און פערשידענע דעקלאַמאַציעס: פרל. פאַגעל, פרל. פרזיגאַדע און די שלוס-רעדע האָט געהאַלטען פרל. קליין. אונטער שטורמישע אָוואַציעס און אויסרופען „זאָל לעבען „בנות אגודת ישראל" איז זיך דער עולם פונאַנדערגעגאַנגען.

בלאַשקי: אין דער נאַכט פון חמשה-עשר-באב האָבען זיך פערזאַמעלט די חברות און איינגעלאַדעטע פרויען-געסט; דער זאַל איז געווען דעקאָרירט לויט די אָנווייזונגען פון דער צענטראַלע. די פאָרזיצערין פרוי שטראַהווייס האָט געעפענט די חגיגה און געלייענט די בעגריסונג פון צ. ס. ס'האָבען דאַן דעקלאַמירט: פרל. שרה פויזנער און אסתר יעדוואַב. מיט געזאַנג איז די פייערונג געשלאָסען געוואָרען. מיר דריקען דערביי אויס א הערצליכען דאַנק דער ג' פרוי שטראַהווייס פאַר איהר מיה לטובת „בנות אגודת ישראל".

לאַסק: דער בעשלוס פון דער עקזעקוטיווע צו פייערען דעם יום-טוב פון חמשה-עשר האָבען מיר אויסגעפיהרט פינקטליך און מיט גרויס בעגייסטערונג. אין דעם בעפוצטען און מיט ליכט בעלויכטענעם זאַל האָבען מיר זיך פערזאַמעלט, ווי ס'זענען געהאַלטען געוואָרען רעדעס, בעגריסונגען און דעקלאַמאַציעס דורך פאָרזיצ. פרל. בענטשקאָווסקאַ, לעהרערין פרל. טרויבע. דאַן האָבען מיר זך געמיטליך געווײַלט ביי אַ סערווירטען טיש ביז אויפ'ן גרויען טאָג.



פרזעדבאָרז: אין אונזער שטאָדט האָבען זיך די געגנער בענוצט מיט טעראָר-מיטלען כדי צו שטערען די פייערונג — עס איז אָבער זיי נישט געלונגען. ביי אַ פול-געפּאַקטען זאַל האָט פר. בלאָסס געעפענט די פייערונג. ס'זענען געהאַלטען געוואָרען רעדעס און בעגריסונגען דורך: סעקר. פרל. ליכטענשטיין פרל. פרידריך און ס'איז פאָרגעקומען אַ פאָרשטעלונג „חנה און איהרע זיבען זיהן". די בעגייסטערונג ביי אונז פאַר'ן הייליגען געדאַנק פון „בנות אגודת ישראל" איז אַ דאַנק דער פייערונג נאָכמעהר פערשטאַרקט געוואָרען.

## פונ'ם בית יעקב שול וועזען אין פוילען.

— י"ט אלול עפענען זיך די פאַרבילדונגס-קורסען פאַר די בית יעקב לעהרערינס אין יאַרדאַנאָוו (ביי קראָקאָ) די דאָצענטען וועלען זיין די זעלבע וואָס פאַר אַ יאָהרען.

— דאָס בית יעקב קאָמיטעט אין האָלאַנד וועלכעס בעשטעהט פון: פרל. א. האַלפּערען — אַמסטערדאַם, פרל. ה'יסדאָרף — ראָטערדאַם, פרוי שאָהל — אוטרעכט, פרל. אַבראַהאַם — האַג האָט איבערגעשיקט דער „קרן-התורה" צענטראַלע אין ווין אַ גרעסערען בעטראַג פאַר די פאָר-בילדונגס קורסען.

— פרל. א. האַלפּערען פון אַמסטערדאַם איז געקומען קיין אַנטווערפּען מיט'ן צוועק צו שאַפען אַ אינטערשטיצונגס-פאָנד פאַר די בית-יעקב צוועקען.

— צו די פייערליכע ערעפנונג פון די פאָרטבילדונגס-קורסען פאָהרט אָפּ אין נאָמען פון אונזער רעדאַקציע קיין קראָקאָ אונזער יעד. ה' א. ג. פרידענזאָן.

— אין אָלקוש איז געשאַפען געוואָרען אַ נייער בית-יעקב-קאָמיטעט וואָס בעשטעהט פון פאָלגענדע ה"ה: חיים דאַנציגער — יו"ר אברהם גאָלדבערג — מזכיר חיים דאַנציגער — גזבר ווי אויך די הערען: זעליג גלייטמאַן, זישא באָרנשטיין, דוד ליפּשיץ, העניך טריימאַן, אברהם בראָקנער.

— דער פרעז. פון צענטראַל-ראַט פון „אגודת ישראל" דער סאָמבאָרער רב שליט"א האָט דע-האַלטען פון צענטראַל-רעליעף 2.500 דאָלאַר פאַר בית-יעקב שולען.

די וואָס ווילען זאַמלען פאַר אונזער
„פרעסע-קראַנץ"
דאַרפען זיך ווענדען צו אונז נאָך זאַמעל-ביכלעך

מיר דריקען אויס א הערצליכען דאנק די אלע וואס האבען זיך בעמיהט אין חמשה-עשר-באב ביים פערשפרייטען אונזער פרעסע-קופאן:

ח. בוימאן, ג. ווינשטיין, רובינשטיין, ל. לאטטע, פ. וויינשטיין, רייכמאן (סלופצא). אסתר ראטפעלד, ביילא האראוויץ, בלומע וויינפעלד, צליבה צוקער, גאלדע צימטעט (יאסלא) ראזענצווייג, בענטשקאווסקא, קאהן, קוויאטקאווסקא, (לאסק). מלאווסקא, וויינבערג, פייערשטיין, גערלמוטער, כץ, מלין (פראשניץ) חוה ארליק, שיינדל ראזענשטיין (מאקאוו). גערשאן ה טרויבע, נ. קאפעל (בלאשקי) קליין, שיינקאפ, פאגעל (פלאנסק).

שוין געשפענדעט האבען:

סלופצא: פ. רייכמאן, ג. וויינשטיין און מ. פ. אלע צוזאמען 5 זל. פרוי ר. לאטטע. בארנשטיין צו 2 זל. בושיסטאיוסקא, דאווידאוויטש, ש. ג, פאזניינסקי. ס. פאזניינסקי, מ. פראסט, גליצענשטיין, צוקער, פרל. לאקס. לעווי, ט. לאטטע, ס. ראזענטאל. בענקעל, ש. לייזער, י. קאגאנקאווסקא, ה. בריקס, ח. בוימאן, ט. ראזענקראנץ, ג. לאטטע צו 1 זלאטע.

לאסק: קאזאן, בירענצווייג, זילבערשטיין, ראזענצווייג-בענטשקאווסקא צו 1 זלאטע.

פאביאניץ: יאסקאוויטש, גרינשטיין צו 1 זלאטע.

פייזערן: פרל. מרים קאנטאר, שיינע ראטענבערג, זיסעל העלפיאט, גאלדע גנאט צו 1 זלאטע. פרל. יארעצקא-לאנדעק, פרל. זלאטקא רייכערטגאלין צו 1 זל. פערשטער – 1 זל.

יאסלא: פרוי ד"ר מענאססע, ר. שלעזינגער, פרוי שוידער צו 3 זל. פרוי צאהלער, פרוי פרידמארגאלעס, ד"ר קאטשקאווסקי, דאמב, פרוי רובעל, פרוי קארנמעהל, צו 2 זל. פרוי בלום, פרוי ג. צימערט, רחל האלבערשטאם פרוי יוטא פיש, פרוי שארעד, פרוי בוימרינג, פרוי העלער, פרוי קאנענגיסער. פרוי וויינשטיין, פרוי וואדנער צו 1 זל.

פראשניץ: הרב פארזענטשעווסקי, דן מלאווסקי, יצחק פייערשטיין. פישל בלום, משה גאלדמאכער צו 2 זל. קאץ באניסלאווסקי. בינענפעלד. ריקאווער. ארלאנד. שצעצינער, בישקא, הענדלייז, קאץ, סטאוויסקער פערצלמוטער, מלאווסקא. פורמאנסקא, וויינבערג. סאקאלאווער צו 1 זל.

פלאנסק: אנזעלעוויטש, כאנאכאוויטש, טישמאן, וואסערבערג, שפערלינג, מ. לעווין, ב. לעווין, יאבלאנקער, סאטענבערג. דאנציגער. פרזיגאדא. בענקעל שווארץ. שטאמבערג, גרין, קופיעץ צו 1 זל. משה קוטנער — 2 זל.

מאקאוו: בצלאל ויילענבערג – 5 זל., משה ווילענבערג — 2 זל. ישעי' דוד שרעמער, זאב ארליק, יצחק זילבערבערג, פישל מאנקאש. דוד ישמח, צבי ארלאיוסקי יהודה ראזענבלום. ה' נחמן סג"ל, זאב פיינצאג, דוד גאלדוואסער, יצחק מאיר גאלדבלום, פרוי עטא ראזענשטיין. זאב רייטשיק. חיים ליכטענשטיין. מענדיל סטודענט, לייביל בארשץ צו 1 זלאטע.

פרזעדבארזש: ליכטענשטיין, פיינסקא, ערינבערג, שארפהארץ, עלכאנאוויץ צו 1 זל.

## די גרינדונג פון נייע אפטיילונגען.

אפאטשנא: מיט א צייט צוריק האט ביי אונז געווילט די חשוב'ע פרוי שעינרער אין דער בעגלייטונג פון פרל קאולאווסקא — לאדז וועלכע האבען רעפערירט אויף דער טעמא: „די גרינדונג פון „בנות אגודת ישראל" און א „בית יעקב" שולע. באלד אויפ'ן ארט איז געגרינדעט געווארען א „בנות אגודת ישראל" וועלכע צעהלט שוין 1.70 מיטגלידערינס כ"י. ג' בלק האט אונזער שטאדט בעזוכט די פארז. פון דער עקזעקוטיווע. פרל. מאנדרא — מלאווא און געהאלטען אין קינא-זאל א אינהאלטסרייכען רעפעראט וועלכער האט איבערגעלאזט א אונגעהויערען גרויסען איינדרוק פאר וואס מיר זענען איהר דאנקבאר. דער קאמיטעט פון „בנות אגודת ישראל" בעשטעהט פון: פארז. — ר. דזיאלאשינסקא, וויצע — פרל. פאקוסעוויטש, קאסירערין — לאה וויינבערג, פערוואלטונגס מיטגלידער: קעסטענבערג, ארענבאך, חוה קאפלאוויטש, רבקה אלפס, פייגא ווירשבערג, בערלינער פייגענבלאט, היטעלפארב א. אנד.

קינצק: אונזער ניי-געגרינדעטע ארטס-גרופע האט געהאט דעם כבוד בעזוכט צו ווערען פון די געעהרטע טא"אנטפורע רעדנערין פארז. פון דער עקזעקוטיווע — פרל. ש. מאנדרא פון מלאווא. דער חשוב'ער גאסט איז אויפגענומען געווארען אין אפאטשנא דורך א ספעציעלע דעלעגאציע וואס איז בעשטאנען פון: פרוי ב, אלבערט און פרל. ב. ראזענפארב. ביי דער באהן איז זי ערווארטעט געווארען פון א גרעסערע דעלעגאציע בנות-מיטגלידערינס" און איז פערפאדרען אין דער וואוינונג פון בעוואוסטען עסקן ר' איטשא ראפאלאוויטש. אין גרויסען פייערעשער-זאל איז פארגעקומען א פרויען-מאסען-מיטינג וועלכע ווערט געעפענט מיט א קורצע רעדע פון פרוי פ. יאסקאוויטש און דאן האט פרל. מאנדרא איהר רעפעראט.

דער רעפעראט האט געדויערט איבער 2 שעה און איבערגעלאזט א טיפען רושם אויף אלע פערזאמעלטע. שבת האט פרל. מאנדרא געהאלטען א סדרה-פארטראג פאר א ענגערען קרייז. זונטאג איז פארגעקומען די גרינדונגס-פערזאמלונג. אויף וועלכע פרל. מאנדרא האט ווידער אמאל רעפערירט און ס'האבען זיך פערשריבען העכער 100 מיטגלידער. א דאנק דער ארבייט פון פארז. פרוי יאסקאוויטש ענטוויקעלט זיך די ארגאניזאציע ווייטער בעסער און היינט צעהלט זי שוין 1,50 מיטגלידערינס כ"י. ה. נ. א.

יאסרא: א דאנק דעם געעהרטען טאלאנטפולען רעדנער ה' צבי הירשהארן אויס לעמבערג וועלכער האט מיט זיינע געלונגענע רעפעראטען די גאנצע ארטאדאקסיע צו מעשים דערוועקט, האט זיך אויך געגרינדעט א ארטס-גרופע פון „בנות אגודת ישראל" מיר האבען זיך באלד געשטעלט אין דער פערבינדונג מיט דער צענטראלע אין לאדז און אין שבעה עשר בתמוז איז פארגעקומען די גרינדונגס-פערזאמלונג. די פערזאמלונג עפענט זיך 3 בייטאג און א"ס פארז. ווערט איינשטימיג געוועהלט פרוי רחל העלבערשטאם און אלס סעקרעטארין — פרוי גאלדא צימטערט. די פארז. בעגריסט די פערזאמעלטע אין נאמען פון צייטווייליגען קאמיטעט און ערקלערט די בעדייטונג און ציעל פון ב. א. י. דאן בעקומט דאס ווארט פרל. הינדע ענגעל וועלכע רעפערירט א. ד. ט.: „די יודישע פרוי און איהר היסטארישע בעדייטונג". די רעפערענטין שילדערט די אמאליגע יודישע פרוי אלס גייסטיגע שטיצע פונ'ם יודענטום און בעטאנט אז די פרוי מיט איהר רעליגיעז בעוואוסטזיין זיכערט די עקזיסטענץ פונ'ם יודענטום. איבערגעהענדיג צו דער היינטיגער עפאכע אפעלירט פרל. ענגעל צו דער היינטיגער פרויען-יוגענד צו ווערען די ווירדיגע נאכפאלגער פון די אמאליגע יודישע העלדענס און די מעגליכקייט דאצו קאן זיי נאר געבען די „בנות אגודת ישראל" ארגאניזאציע. די פארז. לעזט פאר דעם אויפרוף „ארגאניזירט זיך!" אז

מיר דריקן אויס אַ הערצליכען דאַנק די אַלע וואָס האָבען זיך בעמיהט אין חמשה-עשר-באב ביים פערשפרייטען אונזער פרעסע-קופאָן:

ח. בוימאַן, ג. וויינשטיין, רובינשטיין, ל. לאַטטע, פ. וויינשטיין, רייכמאַן (סלופּצא). אסתר ראָטפעלד, ביילא האַראָוויץ, בלומע וויינפעלד, צליבה צוקער, גאָלדע צימּמעט (יאסלא) ראַזענצווייג, בענטשקאָווסקאַ, קאָהן, קוויאַטקאָווסקאַ, (לאסק). מלאַווסקא, וויינבערג, פייערשטיין, נערלמוטער, כץ, מלין (פראָשניץ) חוה אָרליק, שיינדל ראַזענשטיין (מאקאָוו). געראָשאָן ה טרויבע, נ. קאָפּעל (בלאַשקי) קליין, שיינקאָפּ, פאַגעל (פלאָנסק).

שוין געשפּענדעט האָבען:

**סלופּצא:** פ. רייכמאַן, ג. וויינשטיין און מ. פ. אַלע צוזאמען 5 זל. פרוי ר. לאַטטע. באָרנשטיין צו 2 זל. בושיסטאָיוסקא, דאַווידאָוויטש, ש. ג, פאַזניינסקי. ס. פאָזניינסקי, מ. פראָסט, גליצענשטיין, ציקער, פרל. לאקס. לציוי, ט. לאַטטע, ס. ראַזענטאַל, בענקעל, ש. לייזער, י. קאַגאַנקאָווסקאַ, ה. בריקס, ח. בוימאַן, ט. ראַזענקראַנץ, ג. לאַטטע צו 1 זלאָטע.

**לאַסק:** קאזאן, בירענצווייג, זילבערשטיין, ראָזענצווייג, בענטשקאָווסקא צו 1 זלאָטע.

**פאַביאַניץ:** יאַסקאָוויטש, גרינשטיין צו 1 זלאָטע.

**פייזערן:** פרל. מרים קאַנטאָר, שיינצ ראָטענבערג, זיסעל העלפּאָט, גאָלדע גנאָט צו 1 זלאָטע. פרל. יאַרעצקא-לאנדעק. פרל. זלאָטקא רייכערט-גאלין צו 1 זל. פערשטער — 1 זל.

**יאסלא:** פרוי ד"ר מענאססע, ר. שלעזינגער, פ. י. שוידער צו 3 זל. פרוי צאָהלער, פרוי פרידמאַרגאַלעס, ד"ר קאַטשקאָווסקי, דאָמב, פרוי רובעל, פרוי קאָרנמעהל, צו 2 זל. פרוי בלום, פרוי ג. צימּמערט, רחל האַלבערשטאַם פרוי יוטא פיש, פרוי שארעד, פרוי בוימרינג, פרוי העלער, פרוי קאַנעגיסער. פרוי וויינשטיין, פרוי וואַדנער צו 1 זל.

**פראָשניץ:** הרב פּאַרזענטשעווסקי. דן מלאַווסקי, יצחק פייערשטיין, פישל בלום, משה גאָלדמאַכער צו 2 זל. קאַץ באָניסלאַווסקי, בינענפעלד. ריקאווער. אַרלאַנד, שצעצינער, בישקא, הענדליין, קאַץ, סטאַוויסקער פערעלמוטער, מלאַווסקא. פורמאַנסקא, וויינבערג. סאַקאַלאָוער צו 1 זל.

**פלאָנסק:** אַנזעלעוויטש, כאַנאַכאָוויטש, טישמאַן, וואַסערבערג, שפערלינג, מ. לעווין, ב. לעווין, יאַבלאַנקער, סאַטענבערג. דאַנציגער. פּרזיגאַדא. בענקעל שווארץ שטאַמבערג, גרין, קופּיעץ צו 1 זל. משה קוטנער — 2 זל.

**מאַקאָוו:** בצלאל ייזלענבערג 5 זל., משה ווילענבערג — 2 זל. ישעי' דוד שרעמער, זאב אָרליק, יצחק זילבערבערג, פישל מאַנקאש. דוד ישמח, צבי אָרלאָיוסקי יהודה ראָזענבלום. ה' נחמן סג"ל, זאב פייוצאַנ, דוד גאָלדוואַסער, יצחק מאיר נאָלדבלום, פרוי עטא ראָזענשטיין. זאב רייטשיק. חיים ליכטענשטיין מענדיל סטודענט, לייביל באַרשץ צו 1 זלאטע.

**פרזעדבאָרזש:** ליכטענשטיין, פיינסקא, ערינבערג, שאַרפהאַרץ, עלכאַנאָוויץ צו 1 זל.

# די גרינדונג פון נייע אָפּטיילונגען.

**אָפּאָטשנאָ:** מיט אַ צייט צוריק האָט ביי אונז געוויילט די חשוב'ע פרוי שעניר אין דער בעגלייטונג פון פרל קאָזלאָווסקאַ — לאָדז וועלכע האָבען רעפערירט אויף דער טעמא: „די גרינדונג פון „בנות אגודת ישראל" און אַ „בית יעקב" שולע. באַלד אויף'ן אָרט איז געגרינדעט געוואָרען אַ „בנות אגודת ישראל" וועלכע צעהלט שוין 1.70 מיטגליעדערינס כ"י. ג' בלק האָט אונזער שטאָדט בעזוכט די פאָרז. פון דער עקזעקוטיווע פרל. מאָנדראַ — מלאווא און געהאַלטען אין קינאָ-זאַל אַ אינהאַלטסרייכען רעפעראַט וועלכער האָט איבערגעלאָזט אַ אומגעהויערען גרויסען איינדרוק פאַרוואָס מיר זענען איהר דאַנקבאַר. דער קאָמיטעט פון „בנות אגודה ישראל" בעשטעהט פון: פאָרז. — ר. דזיאַלאָשינסקאַ, וויצע — פרל. פאַקוסעוויטש, קאַסירערין — לאה וויינבערג, פערוואַלטונגס מיטגלידער: קעסטענבערג, אָרענבאַך, חוה קאָפּלאָוויטש, רבקה אלפס, פייגא וויערשבערג, בערלינער פייגענבלאַט, הימעלפאַרב א, אַנה.

**קינצק:** אונזער ניי-געגרינדעטע אָרטס-גרופּע האָט געהאַט דעם כבוד בעזוכט צו ווערען פון די געעהרטע טאַלאַנטפולע רעדנערין פאָרז. פון דער עקזעקוטיווע — פרל. ש. מאָנדראַ פון מלאווא. דער חשוב'ער גאַסט איז אויפגענומען געוואָרען אין אָפּאָטשנאָ דורך אַ ספעציעלע דעלעגאַציע וואָס איז בעשטאַנען פון: פרוי ב, אַלבערט און פרל. ב. ראָזענפאַרב. בוי דער באַהן איז זי ערוואַרטעט געוואָרען פון אַ גרעסערע דעלעגאַציע בנות-מיטגלידערינס" און איז פערפאָרען אין דער וואוינונג פון בעוואוסטען עסקן ר' איטשא ראַפאַלאָוויטש. אין גרויסען פייערעשער-זאַל איז פאָרגעקומען אַ פרויען-מאַסען-מיטינג וועלכע ווערט געעפענט מיט אַ קורצע רעדע פון פרוי פ. יאָסקאָוויטש און דאַן האָט פרל. מאָנדרא איהר רעפעראַט.

דער רעפעראַט האָט געדויערט איבער 2 שעה און איבערגעלאָזט אַ טיפען רושם אויף אַלע פערזאמעלטע. שבת האָט פרל. מאָנדראַ געהאַלטען אַ סדרה-פאָרטראַג פאַר אַ ענגערען קרייז. זונטאָג איז פאָרגעקומען די גרינדונגס-פערזאמלונג, אויף וועלכע פרל. מאָנדראַ האָט ווידער אַמאָל רעפערירט און ס'האָבען זיך פערשריבען העכער 100 מיטגלידער. אַ דאַנק דער ארבייט פון פאָרז. פרוי יאָסקאָוויטש ענטוויקעלט זיך די אָרגאַניזאַציע ווייטער בעסער און היינט צעהלט זי שוין 1.50 מיטגלידערינס כ"י. ה. נ. א.

**יאסרא:** אַ דאַנק דעם געעהרטען טאַלאַנטפולען רעדנער ה' צבי הירשהאָרן אויס לעמבערג וועלכער האָט מיט זיינע געלונגענע רעפעראַטען די גאַנצע אָרטאָדאָקסיע צו מעשים דערוועקט, האָט זיך אויך געגרינדעט אַ אָרטס-גרופּע פון „בנות אגודת ישראל" מיר האָבען זיך באַלד געשטעלט אין דער פערבינדונג מיט דער צענטראַלע אין לאָדז און אין שבעה עשר בתמוז איז פאָרגעקומען די גרינדונגס-פערזאמלונג. די פערזאמלונג עפענט זיך 3 בייטאָג און אַלס פאָרז. ווערט איינשטימיג געוועהלט פרוי רחל העלבערשטאַם און אַלס סעקרעטאַרין — פרוי גאָלדא צימּמערט. די פאָרז. בעגריסט די פערזאַמעלטע אין נאָמען פון צייטווייליגען קאָמיטעט און ערקלערט די בעדייטונג און ציעל פון ב. א. י. דאַן בעקומט דאָס וואָרט פרל. הינדע ענגעל וועלכע רעפערירט א. ד. ט.: „די יודישע פרוי און איהר היסטאָרישע בעדייטונג". די רעפערענטין שילדערט די אַמאָליגע יודישע פרוי אַלס גייסטיגע שטיצע פונ'ם יודענטום און בעטאָנט אַז די פרוי מיט איהר רעליגיעז בעוואוסטזיין זיכערט די עקזיסטענץ פונ'ם יודענטום. איבערגעהענדיג צו דער היינטיגער עפּאָכע אַפּעלירט פרל. ענגעל צו דער היינטיגער פרויען-יוגענד צו ווערען די ווירדיגע נאָכפאָלגער פון די אַמאָליגע יודישע העלדענס און די מעגליכקייט דאַצו קאָן זיי נאָר געבען די „בנות אגודת ישראל" אָרגאַניזאַציע. די פאָרז. לעזט פאָר דעם אויפרוף „אָרגאַניזירט זיך!" אַז

פרוי ג. ציבערט ייגט דעם בעגריסונגס-בריף פון דער צענטראל"ע. דאַן קובען פאַר די וואַהלען פון אַ קאָמיטעט וועלכער קאָנסטיטואירט זיך אויף פאָלגענדען אופן: פרוי רחל׳ חאַלבערשטאַם — פאָרזיצערין, פרל. הינדע ענגעל — סעקרעטאַרין, פרוי ביילא מאַרגאַליס — קאַסירערין, פערוואַלטונגס-מיטגלידערינס: פרוי ג. ציבערט, הינדא ביאַלאָוואַס, ח׳ בושעל, רויזא אַפּעל.

**וויסקאָוו**: אויך ביי אונז האָט זיך געגרינדעט אַ אָרגאַניזאַציע „בנות אגודת ישראל" די פערוואַלטונג בעשטעהט פון 7 פערזאָן: פרל. וויעזליק — פאָרזיצערין, פרל. דאבריס — סעקרעטאַרין פרל. ציוויאק — קאַסירערין, פר. פרידמאַן, פר. קריטשאל, פר. ציטאק, פר. פאַסקאָוויטש.

**זלאָטשעוו**: אונזער שטאָדט האָט בעזוכט די מיטגלידערין פון צענטראַל ראַט פרל. אסתר ראזא. מיר האָבען איינגעאָרדנעט אַ גרויסען עפענטליכען רעפעראַט וועלכע האָט זיך גלענצענד איינגעגעבען. די פערזאַמלונג האָט געעפענט פרל. פראָהמאַן און דאַן האָט די טאַלאַנטפולע רעדנערין פרל. ראָזא געהאַלטען אַ לענגערען אויספיהרליכען רעפעראַט וועלכער איז בעגלייט געוואָרען מיט שטורמישע אָוואַציעס.

## פערזענליכעס

די פערדינסטפולע עסקנית און פאָרז. פון „בנות אגודת ישראל" אין לאָדז פרוי **פעסא זעמבא** קומט צוריק פון איהר זומער אַפּרוה און ס׳וועט זיך אָנהויבען וויפסניי אַ ברייטערע טעטיגקייט. אויך קומט צוריק פון זומער אַפּרוה פרל. קאָזלאָווסקאַ די אונערמידליכע אַרבייטערין פאַר ב. א. י.

---

עס זענען אויסגעפערטיגט געוואָרען ספּעציעלע „לשנה-טובה-קאַרטען" מיט וועלכע ס׳דאַרפען זיך בענוצען די „בנות" מיטגלידערינס צו שיקען קרובים און פריינד צום נייעם יאָהר. דער פרייז פון אַ קאַרטע איז 20 גראָשען — אַרויסגעשיקט ווערען מינדעסטענס 10 שטיק מיט-אַמאָל. אויף די ווינש-קאַרטען געפינט זיך אויך דאָס פּראָגראַם און די גרונד-פרינציפּען פון „בנות אגודת ישראל".

— לשנה-טובה אַנאָנסען פאַר׳ן „בית יעקב" זשורנאַל מוזען צוגעשיקט ווערען שפּעטסטענס ביז כ״ד אלול — דער פרייז פון אַנאָנס איז 2 זל. אין אַ אַלגעמיינע אַנאָנס מיט אונזער טעקסט נאַר 50 גראָשען — פריהעראויס געלד.

---

בברכת מזל טוב חמה ונלבבה אני מברך את ידידי הזיקר הנעלה והמצוין ש״ב מר אליעזר פרידנזון נ״י לאירושיו את מרת ברוין תחי׳

א. ג. פרידנזון.

---

אַ הערצליכען מזל-טוב ווינש איך דער ג׳ פרוי אלטער (בענדין) און פרוי פאַגעל (לאָדז), צו זייערע ניי-געבוירענע זיהן.

איהר זאָלט זוכה זיין, זיי אַלס אמת׳ע אידעאַלע יודען צו ערציהען.

שרה שענירער.

---


אַרויסגעבער: מ. ראַבינאָוויטש.

Redaktor i wydawca: L. G. Frydenzon.

Adres: „BAJS JAKOW" Łódź, Aleksandrowska 28.

Tł. D. Szczecińskiego Łódź, Pr. Narutowicza 11.

פּרייז 5 גראָשען.

פאמיליען זשורנאל

# בית יעקב

אָרגאַן פון דער צענטראַלע „בנות אגודת ישראל" אין פּוילען.

## מאנאטשריפט

רעדאַקטאָר: א. ג. פרידענזאָן.




ב״ה, לאָדז, ניסן תרפ״ז. — ערשטער נומער (דריטער יאָהרגאַנג)